ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# תורת דניאל
# בגוב האריות

**25**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תש"ל לפ"ק

# תורת

# דניאל בגוב האריות

אשר שמע מפי המלאך הנשלח אליו ממרום לשמרהו ממלתעות האריות (דניאל ו' כ"ג), וגלה לו ענינים רבים ונפלאים העומדים ברום עולם הישראלי, ומכילים כר נרחב בפרדס המחקר האלהי. ועניגים נעלים ונשגבים האלה כחם עז להשריש אמונת התורה הקדושה עמוק בלבות הקוראים.

השושנים האלה נקבצו בחרדת קודש מגנת ביתן המלך הכבוד ע"י פלא"י.
והזכות שיכת לצמיתות להמדפים הנזכר למטה.

---

## דיא תורה פון

# דניאל אין לייבענגרוב

וואס ער האט געלערנט פון דעם מלאך וואס איז געשיקט געווארען פון הימעל אב צו היטען איהם פון דיא ווילדע לייבען. ער האט איהם ענטדעקט פיעל וויכטיגע ערקלערונגען וואס פערנעממען אגרויסען פלאטץ אין דיא יודישע וועלט, אונ פערוואוצלען דיא הייליגע יודישע אמונה אין דיא לעזערס הארצער.

אני דניאל העברי, חוטר מגזע מלכי ישראל ועבד נאמן לאלהי יעקב, כאשר הושלכתי בפקודת המלך דריוש בבור האריות, ואמרתי כי כרגע יהיה בשרי לְבָרוֹת לשְׁני החיות הטורפות, ולא ישאירו מגויתי גם עצם קטן, מגודל רעבונם אשר היה בוער בקרבן ביקוד אש, והנה מה מאד נפלאתי והשתוממתי למראה עיני, ולבי הנשבר כמעט פג משמחה וגיל, בראותי כי נפתחו ארובות השמים, וכחץ מקשת עף מלאך אחד אל תוך המסגר אשר ישבתי בו יחד עם האריות הרעבות, ופקודתו שמרו שופכי דם ומרצחים אכזרים אלה לבל יעשו לי שמץ רעה, וכה הבריקו קרני אורו בתוך עיני, עדי נפלתי בחיק תרדמה עזה כמות, אך פתאום נגעה בי יד המלאך הזה ויעירני משנתי המתוקה, ויאמר: „שאל נא איש

---

איך יודישער דניאל, וואס איז א צווייג פון דעם יודישען קייזערליכען וואָרצעל, אונ א עהרליכער קנעכט צו יעקב'ס גאָט. ווייא איך בין אריין געוואָרפען געוואָרען מיט דעם בעפעהל פון דעם קייזער דריוש אין לייבענגרוב, אונ איך האָב געדענקט דס אין איין זעקונדע וועט מיין לייב ווערין אויפגעפרעסין צווישען דיא ווילדע טהירעס ציין. אונ זייא וועללען נישט איבער לאָסען פון מיין קערפער דעם מינדעסטען קליינעם ביין. מיין צובראכען הארץ איז בעינויא אבגעשטאָרבען פון גרוס פרייד, ווייא איך האָב געזעהען ווי די הימלישע פענסטער זענען געעפינט געוואָרען, אונ ווייא א פייל פון בויגען איז צו געפלויגען איין מלאך צו דיא שטייג וואס איך בין אין איהר געזיטצען צוזאַממען מיט די הונגעריגע לייבען, אונ דעם ענגעלס בעפעהל האָבען דיא בלוטפערגיסערס אונ ווילדע מערדערס געהוטען, דאס זייא זאָללען מיר נישט טוהען דאס מינדעסטע ביזהייט. זיינע ליכטיגע שטראַהלען האָבען אזו געבלאשטשעט אין מיינע אויגען, ביז איך בין אריין געפאַללען אין זעהר אַשטאַרקען שלאָף בעינויא ווייא דער טויט. נאָר פּלוצלונג האט מיך אנגעריערט דעם ענגעלס האנד אונ האט מיך אויפגעוואַכט פון דעם זיסען שלאָף אונ האט געזאָגט: פרעג גלוסטיגער מאן אלע שוועהרע פראַגעס וואס דיין פערשטאנד

חמודות כל השאלות הקשות אשר בינתך קצרה למצוא עליהן תשובות נכוחות וישרות, ואני אאלפך עתה הרבה חכמה ובינה, אלמדך מזמה ודעת עליון, לבעבור תדע לעזוק ולסקל את דרך החיים המאושרים, מכל המכשולים וחתחתים המפוזרים בו, ולמה תאבד עתותיך פה בין הפראים חנם? אל תירא איש חמודות ממשובת האריות הרעבות אלה, ושאל ממני את כל העולה על רוחך".

המלאך הזה הרגיע את רוחי הנבהל ממראה האריות האכזריות, ושאלתי מפיו שאלה אחת רמה ונשאה, אשר פעמים רבות דרשו הרבה חכמים תשובה נכונה עליה, מדוע רשעים עריצים המה כילדי שעשועים שבעים כל טוב עלי אדמות, וכה יהל אור ההצלחה על ראשם עדי יהפך הרפש לזהב בכפם,

---

איז צו קליין צו געפונען אויף זייא ריכטיגע אונ וואהרע אנטווארטען, אונ איך וועלל דיך יעצט לערנען פיעל קלוגהייט אונ פערשטאנד, איך וועלל דיך לערנען חכמה אונ גאטליכע ערקלערונגען, דאס דוא זאלסט פערשטעהן אבצוזייניגען דעם וועג פון דעם גליקליכען לעבען פון אללע שטראבלונגען אונ דערנער וואס זענען אויף איהם פערשפרייט, צוא וואס זאלסט דוא פערליערען דיינע צייטען דא צווישען דיא ווילדע? דוא זאלסט גישט גלוסטיגער מענש אנגסטען פאר דעם ווילדקייט פון דיא הונגעריגע לייבען, אונ פרעג פון מיר אללעס וואס וועט דיר נור אויפגיין אויף דיינע געדאנקען".

דער מלאך האט בערוהיגט מיין גייסט וואס ער איז געווען דערשראקען פון דיא בייזע לייבענס געזוכט, אונ איך האב פון זיין מויל געפראגט איינע הויכע אונ וויכטיגע פראגע וואס פיעל מאהל האבען פיעל חכמים געפאדערט א ריכטיגען אנטווארט אויף איהר. פאר וואס זענען דיא אונפערשעהמטע רשעים ווי שפיעלקינדער אנגעזעטעט מיט אללעם גוטען אויף דיא וועלט, אונ זייערע ליכטיגע הצלחה טוהט אזויא לייכטען אויף זייער קאפף, דס די בלאטע ווערט אין זייערע האנד פערקערט צו

והצדיקים יראי־אלהים יושבים בשפל, והמה כמטרה לחצי הפגעים הרעים, והזהב יֵהָפֵךְ לרפש וטיט חוצות בידם הנקיה והטהורה מכל עַוְלָה?

המלאך הקשיב את שאלתי היטב, ויאמר:

„עת עלה משה בן עמרם אלינו למרום להוריד את התורה הקדושה ארצה, השכיל אז לבקש ולחנן מלפני אלהי הצבאות ולאמר ברגש:

„אל רחום וחנון! הלא תחפוץ לתת תורה לעם אשר בחרת בו, הלא לדור אחד ולא לשני דורות, רק לכל העתידים להולד עד הדור האחרון, ובגלל זאת תפקח נא את עיני עבדך, ויראה את כל הדורות השונים העתידים להקיף את חוג העולם גם תראני את תכונת נפשם ורוחם ודעתם, לבעבור אדע ליסר

---

גאלד, און דיא צדיקים דיא גאנץ פורכטיגע זיטצען אין די פינסטער, און זיי זענגען ווי א ציעל צו די פיילען פון דיא שלעכטע בעגעגעניססען, ביז דם גאלד ווערט פערקערט צו בלאטע און ליים פון די גאססען אין זייערע האנד וואס זיא איז ריין פון יעדען אונרעכט?

דער מלאך האט גוט פערנוממען מיינע פראגע און ער האט געזאגט:

„אין די צייט וואס משה בן עמרם איז ארויפגעגאנגען צו אונז אין הימעל אריין, ארונטער צו ברענגען דיא היילינע תורה אויף דיא וועלט, האט ער דענסמאהל פערשטאנען צו בעטין און צו פערלאנגען פון דעם אלמעכטיגען גאט, און צו זאגען מיט איינע ענערגי:

„ערבארמדיגער און ליטזעליגער גאט! דוא ווילסט דאך געבן א תורה צו דעם פאלק וואס דו האסט איהם אויסערוויילט, נישט א תורה אויף איין דור, און נישט אויף צוויי דורות, נור צו אלע וואס זענען פאר־בריים געבוירען צו ווערין ביז דעם לעצטען דור. דאדורך זאלסט דוא עפענען דיא אויגן פון דיין קנאכט, דאס ער זאל זעהען אללע פערשידענע דורות וואס זענען פארבריים ארום צו רינגלען דיא וועלט. אויך זאלסט דוא מיר צייגען זייער כאראקטער און זייער גייסט אויך זייער פערשטאנד,

את עמודי התורה על אדנים חזקים ויסודות מוצקים, ותהיה מאושרה וראויה לכל באי עולם, וענפיה הרעננים לא יבולו נצח".

תפלת ראש הנביאים זה עלתה לרצון לפני אלהי הרוחות, ולא אחר לגלות את עיניו הבהירות ולהסיר מהן כל ערפלי המחזה, עדי ראה בכל הדורות עד אחרית תבל. הראה לו אה רוח בני האדם ותכונת נפש היצורים בכל דור ודור, גם הראה לפניו כל החכמות וכל המדעים העתידים לצאת ממחבואן בכל דור ודור, וכל הצדיקים הקטנים עם הגדולים הציג לעיני בתמונתם וצלמם בכל דור ודור. גם הראה לו מצב חיי הצדיקים רבי העליליה ומצב חיי הרשעים העריצים בכל דור ודור. ובין אלה הראה לו את מצבך אתה עתה בבור האריות. וכראות

---

איך זאלל וויסען צו גרונדען דיא זיילען פון דיא תורה אויף שטארקען שוועללען אונ ריזענדע פונדאמענטין. זיא זאל זיין נוטצליך אונ וויכטיג פאר אללע וואס קומען אויף דיא וועלט, אונ איהרע זאפטיגע צווייגען זאללען עוויג ניט פוילען".

דאס געבעט פון דעם עלטסטען נביא איז מיט בעווילליגונג אויפגענאנגען פאר דעם גאט וואס בעשאפט אללע נשמות, אונ ער האט ניכט געזוימט אויפצודעקען זיינע קלאהרע אויגען, אבצוטוהען פון זייא אללע נעבלען פון דעם פארשטעללונג, ביז ער האט געזעהען אלע דורות ביז ענדע וועלט. ער האט איהם געצייגט דעם גייסט פון דיא מענשען אונ דיא נאטור פון דיא בעשעפעניסען אין יעדען דור. אויך האט ער פאר איהם געצייגט אללע חכמות אונ אללע וויסענשאפטען וואס זענען פארברייט ארויסצוגיין פון זייער בעהעלטעניס אין יעדען דור. אונ אללע גרויסע אונ קליינע צדיקים האט ער פארגעשטעלט פאר זיינע אויגען אין זייער געשטאלט אונ זייער פיזיגנאמי אין יעדען דור. אויך האט ער איהם געוויזען דאס לעבענבעשטאנד פון די צדיקים וואס טוהען פיל וויכטיגע זאכען, אונ דאס לעבענבעשטאנד פון די העלדישע רשעים אין יעדען דור. אונ צווישען זיי האט ער אים געוויזען דיין יעצטיגען בעשטאנד אין לייבען גרוב. אונ ווי משה

משה איש האלהים את המראות הגדולות האלה, לבשה חרדה גדולה את גויתו וכל עצמותיו רחפו מתוגה בדברו מנהמת לבו: „מדוע יהיו הצדיקים מצוקי ארץ הדום לרגלי הרשעים הארורים? מדוע הישרים והתמימים הנוטרים פקודיך כלם בלב טהור ונפש יקרה יאכלו בזעת אפם פת חרבה ולחם יבש במדה ובמשקל, ועיניהם רואות את הרשעים מתענגים על רוב טובה, ובחלונותיהם יאירו קרני ההצלחה?"

והנה במצות שדי עף אליו מיכאל המלאך הגדול, ויאמר: „צדק יהלוך לפני דרכי אלהי הצבאות וכל מעשיו במאזני החכמה ישקלו; אם יראו בני האדם כי רק דרך הצדיקים צלחה והשומרים מצות שדי באמונה לא ידעו רע, ולעומתם דרכי הרשעים מלאות

---

דער געטליכער מאן האט דיא פארשטעללונגען געזעהען, האט א גרויס ציטערניש בעקליידעט זיין קערפער, און אללע זיינע ביינער האבען געשוידערט פון טרויעריקייט ווי ער האט געשפראכען פון זיין צו רוישט הארץ: „פאר וואס זאללען די צדיקים, דיא פונדאמענטין פון דיא וועלט זיין א פוסבענקעלע צו דיא פערפלוכטע רשעים'ס פים? פר ווס זאללען דיא ערהליכע און פרומע וואס זייא הוטען אב אללע דיינע געזעטצע עססען מיט זייער שוויים טראקקען ברויט פערדארט ברויט מיט דיא צאהל און מיט דיא וואג, און זייערע אוגען זעהען וויא דיא רשעים פערוויילען זיך אויף פיעל גוטס, און אין זייערע פענסטער טוהען לייכטען דיא שטראהלען פון גליק?"

און מיט גאטס בעפעהל איז צו איהם צוגעפלויגען דער גרויסער מלאך מיכאל און האט געזאגט: „דאס ריכטיגקייט גייט פאר דעם אלמעכטיגען גאטס גאנגע און אללע זיינע ווערקע ווערין געוואהגען אויף דיא קלוגע וואגשאהלען! ווען די מענטשען וואלטען געזעהען דאס נאר דר וועג פון די צדיקים איז גליקליך, און די ווס הוטען ערהליך אב גאטס געזעץ ווייסען נישט פון קיין שלעכטס, און נעגען זיי זעננען די וועגען פון די רשעים פיהל מיט טויט־שטראכלונגען און מיט שלעכטע נעטצען.

מוקשי מות והתחתים רעים, אז יהיו כל יושבי תבל נחוצים ואנוסים להיות צדיקים ותמימים לבל תאונה להם כל רעה, ולא ישינו בעד צדקתם הרמיה זאת שכר אמת וגמול טוב בעולם הנפשות, יען לא עשו זאת לכבוד אלהיהם רק למענם, להשיג בזה מאויי לבם, ולהדוף מפניהם פגעי הזמן הרעים והמרים האחוזים בעקבות הרשעים, ועתה בראותם כי דרך רשעים צלחה ודרך צדיקים מלאה מקרים לא טובים, ובכל זאת יעזבו הנבונים דרך נלוזים ומבלים כל שנותיהם בדרך הצדיקים, הלא המה מראים בזה לדעת כי רק מגודל אהבתם ליוצרם הגדול והנורא יקטירו חלבם דמם ולשד עצמותיהם לרצון ולריח ניחוח לאדון כל הארץ, ולכן כאשר תעזוב נשמתם את גום ותבוא הנה בעולם

---

דאמאלס וואלטען די גאנצע וועלט מענשין געוועזן גענייט אונ געצווינגען צו זיין צדיקים אונ עהרליכע עס זאל זיי קיין שלעכטס טרעפין, אונ זיי וואלטען נישט בעקוממען פר זייער פאלשען פרומקייט קיין ערליכען לוין אונ קיין גוט בעצאהלונג אויף די גייסטליכע וועלט, ווייל זיי האבען דס נישט געטאן צו ליב זייער גאט נאר צו ליב זיך, צו גרייכען דורך דעם צוא דיא לוסטיגקייטען פון זייער הארץ, אונ צו פערטרייבען פון זיך די שלעכטע אונ ביטערע בגעגעניסען פון די צייט ווס זיי האלטען זיך אין די טריט פון די רשעים. אונ יעצט דורך זייער זעהן דס דר וועג פון דיא רשעים איז גליקליך אונ דער וועג פון די צדיקים איז פוהל מיט נישט גוטע צופעלע. אונ פון דעסטוועגן פערלאסען די פאלשטאנדיגע דעם וועג פון די אויס־געלאסענע אונ זיי פערברענגען זייערע גאנצע יארען אין דעם וועג פון דיא צדיקים, צייגען זייא דאך מיט דעם צו וויססען דאס נור פון זייער גרויס ליעבשאפט צו זייער גרויסען אונ פארכטליכען בעשעפער אפפערן זייא זייער שמאלץ זייער בלוט אונ זייער מארך פון זייערע ביינער אלס פערגעניגען אונ אפפער צו דעם העררן פון דיא גאנצע וועלט, אונ דורך דעם ווען זייער נשמה פערלאסט זייער קערפער אונ זיא קומט אהער אויף דיא גייסטליכע וועלט. נעמט גאט צו

הנפשות, יקדם שדי את פניה בשמחה ורב כבוד, ויאציל לה מהדו והדרת קדשו, יען שמה עליו אדמות כל מעיניה בכבודו".

אז נהרו פני משה כחמה בתקופתה ויוסף לשאול: „מאד כלתה נפשי לדעת מה הוא גמול הישרים ההולכים בדרך תמים, ומתי ישיגו את שכרם בעד מפעלותיהם הנכוחות ומעשיהם הטובים".

ויען מיכאל ויאמר: „בוא ברוך אלהים! ואראך שכר הצדיקים אשר היו בדורות הקודמים וגמולם הטוב בעד צדקותיהם אשר השכילו עשות בארץ".

מיכאל השר הגדול המושל עלינו במרום, אחז בימין משה איש האלהים, והביאהו מהרה לעדן גן הנשמות. בראשונה הכניסהו תוך ההיכל הזהב אשר בו ישב נֹחַ בֶּן לֶמֶךְ. ההיכל הזה

---

איהר גֶעזִיכְט מִיט פְרֵייד אוּנ פִיעל עֶהְרֶע, אוּנ עֶר שֶׁענְקְט אִיהר פוּן זַיין הֶערְלִיכְקַייט אוּנ זַיין הֵיילִיג שׁוֹינְהַייט, וַוייל זִיא הָאט אוֹיף דִיא עֶרְד אַבּיין גֶעטוּהֶען אַלֶע אִיהרֶע גֶעדַאנְקֶען אִין זַיין עָהְרֶע".

דַאמָאלְס הָאט משֶׁה'ס גֶעזִיכְט גֶעשַׁיינְט וִוי דִיא זוּנְן אִין אִיהר שְׁטַארְקַייט, אוּנ עֶר הָאט וַוייטֶער גֶעפְרֶעגְט: „מַיין גַייסְט גְלוּסְט זֶעהר צוּ וִויסֶען וָואס אִיז דֶער לוֹין פוּן דִיא רִיכְטִיגֶע מֶענְשֶׁען וָואס גֶעהֶען אִין דֶעם עֶהרְלִיכֶען וֶועג. אוֹיךְ וֶוען וֶועלֶען זֵיי בֶּעקוּמֶען זַייעֶר לוֹין פַאר זַייעֶרֶע רִיכְטִיגֶע זַאכֶען אוּנ זַייעֶרֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים?".

מִיכָאֵל הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּנ גֶעזָאגְט: „קוּם גָאטְסְגֶעבֶּענְשְׁטֶער אוּנ אִיךְ וֶועל דִיר צֵייגֶען דֶעם שְׂכַר פוּן דִיא צַדִיקִים וָואס זַייא זֶענֶען גֶעוֶועזֶען אִין דִיא פֶערְצַייטִישֶׁע דוֹרוֹת, אוּנ זַייעֶר גוּטֶען לוֹין פַאר זַייעֶרֶע צִדְקוֹת וָואס זַייא הָאבֶען פֶערְשְׁטַאנֶען צוּ טוּהֶען אוֹיף דִיא וֶועלְט".

מִיכָאֵל דֶער גְרוֹיסֶער הֶערְר וָואס רֶעגִירְט אוֹיף אוּנְז אִין הִימֶעל, הָאט אָנְגֶענוּמֶען דִיא רֶעכְטֶע הַאנְד פוּן דֶעם גָאטְלִיכֶען מַאן מֹשֶׁה, אוּנ הָאט אִיהם שְׁנֶעלל אַרַיין גֶעבְּרַאכְט אִין דֶעם גַן עֵדֶן פוּן דִיא נְשָׁמוֹת. עֶרְשְׁטֶענְס הָאט עֶר אִיהם אַרַיין גֶעבְּרַאכְט אִין דֶעם

בנוי לתלפיות מקרשי זהב טהור, בתבנית התבה אשר עשה בתבונת כפיו לפני רדת המבול הנורא על הארץ. חלונותיו היו תשע מאות וחמשים כמספר שנותיו בארץ, וכלם מאבנים יקרות בעלות צבעים שונים המענגים עין הרואה עד מאד. ובירכתי ההיכל עומד כסא־אלמוגים מעשה צעצועים, אשר אין כח בפי לתאר לפניך איש חמודות יפיו והדרו. ורצפת ההיכל היא זכוכית בהירה וצחה כבדולח, אשר בעדה נראו מימי הנהר חדקל ומרוצת הדגים והחיות השונות למיניהן המרהיבים עיני הצופים. ובארבע זויות ההיכל מתנוססים עצים יפים ורעננים המשיבים כל נפש בריחם המתוק והנעים מאד. ובכל יום ויום עת השחר

---

נָאלְדֶעגֶעם פַּאלַאס וָואס אִין אִיהם אִיז גֶעזִיטְצֶען נֹחַ לָמֶךְ'ס זוּהְן. דֶער פַּאלַאס אִיז וואונְדֶערְלִיךְ גֶעבּוֹיעֶרְט פוּן רֵיינֶע גָאלְדֶענֶע בְּרֶעטֶער אִין דֶעם זֶעלְבֶּען פָארֶעם פוּן דִיא תֵּבָה וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט מִיט זַיינֶע פֶעהִיגֶע הֶאנְד אֵיידֶער דֶער שְׁרֶעקְלִיכֶער מַבּוּל אִיז גֶעגַאנְגֶען אוֹיף דִיא עֶרְד, זַיינֶע פֶענְסְטֶער זֶענֶען גֶעוֶועזֶען נֵיינְהוּנְדֶערְט אוּנְ פוּנְפְצִיג דִיא צָאהְל פוּן זַיינֶע יָאהְרֶען אוֹיף דִיא וֶועלְט. אוּנְ זֵייא אַלֶע זֶענֶען פוּן טְהַייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער מִיט פֶערְשִׁידֶענֶע קָאלֶערֶען וָואס זֶעטְטֶען אָן דָאס זֶעהֶענְדִיגֶע אוֹיג מִיט זֶעהר פִיעל פֶערְגֶענִיגֶען. אוּנְ אִין דִיא זַייטֶען פוּן פַּאלַאס שְׁטֶעהט אַ שְׁטוּהל פוּן קָארֶעללֶענְהָאלְץ מִיט פֶערְצִירוּנְגֶען, וָואס אִין מַיין מוֹיל אִיז נִישְׁט דָא קְרַאפְטִין אִבְצוּשִׁילְדֶערִין פַר דִיר גְלוּסְטוּגֶערְמַאן זַיין שׁוֹינְהֵייט אוּנְ הֶערְלִיכְקֵייט. אוּנְ דִיא פָּאדְלָאגֶע פוּן דֶעם פַּאלַאס אִיז רֵיין לַאטְהֶער גְלָאז וִויא קְרוּסְטַאהל, וָואס דוּרְךְ אִיהר וֶוערְט גֶעזֶעהֶען דָאס וַאסֶער פוּן טַייךְ חִדֶקֶל. אוּנְ דָאס גֶעלוֹיף פוּן דִיא פִישׁ אוּנְ דִיא פֶערְשִׁידֶענֶע גַאטוּנְגֶען חַיוֹת וָואס בֶּעצוֹיבֶּערֶען דִיא זֶעהֶענְדִיגֶע אוֹיגֶען. אוּנְ אִין דִיא פִיער ווִינְקֶלֶען פוּן פַּאלַאס שְׁטֶעהֶען שֵׁיינֶע פְרוּכְטבֵּיימֶער וָואס דֶערְקְוִויקֶען יֶעדֶעם גֵייסְט מִיט זֵייעֶר זוּסֶען אוּנְ פִיעל פֵיינֶעם גֶעשְׁמַאק. אוּנְ יֶעדֶען טָאג אִין דִיא זֶעלְבֶּע צֵייט וָואס דֶער מָארְגֶענְ־

יגיה אורו, נשמעה שמה רננת הכוכבים בשפרירי שחקים ומנגינתם הנפלאה, אשר כל קסת סופר מהיר תיעף ולא תעצור כח לתאר העונג הנמרץ והשמחה הגדולה אשר היא תעורר בלבות השומעים.

וכראות נח את הנביא הנעלה הזה ואת קרן אור פניו, פתח פיו בעליצת נפש גדולה מאד ויאמר: „האח! מה נעים חלקי כי ממעי יצא אדם המעלה הזה העתיד להעשיר את עם ישרון בסגולות התורה הקדושה אשר על ידיהם יקנו להם שם עולם בין צבאות מרום, ויהיו תמיד מאושרים תחת השמש”

ומשה גם הוא לבש גיל ויאמר לנח: „אנא צדיק תמים! הגד לי מדוע לא חגרת שארית כחך, למה לא עמדת בפרץ

---

שטערין ערשיינט, ווערט דארט געהארכט דאס געזאנג פון די שטערין אויף די שיינע הימלען אונ זייערע וואונדערליכע מעלאדיע, וואס יעדען פלינקען שרייבערס פעדער וועט פערמודעט ווערין אונ וועט נישט האבען קראפט אבצושילדערין דעם גרויסען תענוג אונ די גרויסע פרייד וואס זיא דערוועקט אין די הערצער פון די הערערס.

אונ וויא נח האט דערזעהען דעם גרויסען נביא אונ דאס הערליכע ליכטיגקייט פון זיין געזיכט, האט ער זיין מויל געעפענט מיט זעהר אגרויס לוסטיגקייט אונ האט געזאגט: „גליקליך! וויא זים איז מיין טהייל דאס עס איז פון מיינע געדערעם ארויס דער גרויסער מאן וואס איז פארברייט רייך צו מאכען דאס יודישע פאלק מיט די צורונגען פון די היילינע תורה, וואס דורך זייא וועלען זייא זיך קויפען אעוויגען נאהמען צווישען דעם הימלישען מילימער, אונ זייא וועלען שטענדיג זיין גליקליך אונטער די זונן”.

אונ אויך משה האט זיך אנגעקליידעט מיט פרייד אונ האט געזאגט צו נח: „איך בעט דיך ערהליכער צדיק זאג מיר פאר וואס האסט דו נישט אנגעגארט דיינע לעצטע קראפטען? פאר וואס ביסט דו נישט העלדיש געשטאנגען צו שיטצען מיט דיין גערעכטיגקייט

להגן בצדקתך על אחיך הרעים וההטאים ולהצילם משטף המבול הנורא, הלא אלהי הצבאות הוא אל רחום וחנון הוא מאין כמהו, ומדי שמעו קול מליץ יושר הצועק בכח לשונו השנונה להצדיק את בניו הממרים את פיו יקשיב ברצון ויאזין את תחנוניו ועוד ישיב להמליץ גמול טוב בעבורם, כי חפץ חסדים רבים הוא. ומדוע לא התחזקת להציל אלפי יצורים ממות נורא וכליון גדול כזה?"

המלאכים הרבים אשר היו סרים למשמעת נח ועמדו נכונים לשרתו, החלו לשקשק בכנפיהם ולעוף מלמעלה רצוא ושוב, ואחד הראה להשני פנים מתמיהים על השאלה הגדולה אשר יצאה מפי ראש הנביאים, ואולם כאשר פער נח את פיו, החשו כלם כרגע, והשתוקקו לשמוע תשובתו, ויאמר:

---

אויף דיינע שלעכטע זינדיגע ברידער און רעטטען זייא פון דעם שרעקליכען פערפליצונג פון דעם מבול? דער גאט פון אללע הערשאפטען איז דאך א גוטער ערבארמדיגער גאט וואס עס גיבט נישט זיין גלייכען, און ווען ער הערט דיא שטיממע פון א ערהרליכען פערטיידיגער וואס ער שטארקט זיך מיט דעם קראפט פון זיינע שארפע צונג גערעכט צו מאכען זיינע קינדער וואס זענען דער־געגען זיין געבאט. פערנעמט ער גערן און הארכט זיינע ביטטעס, און ער בעצאהלט נאך דעם פערטיידיגער א גוטען לוין פאר זייא. ווייל גאט וויל טוהען פיעל גנאדעס, און פאר וואס האסט דוא זיך נישט געשטארקט צו רעטטען טויזענדער בעשעפעניססען פון א שרעקליכען טויט און אזויא א גרויסען אונגליק?"

די פיעל מלאכים וואס זענען געשטאנען צו נח'ס בעדינונג, האבען אנגעהויבען צו קלאפפען מיט זייערע פליגעל און צו שוועבען אין דיא הייך הין און צוריק, און איינער האט געצייגט דעם צווייטען א פערוואונדערט געזיכט אויף דיא גרויסע פראגע וואס איז ארויס פון דעם עלטסטען נביא'ס מויל, און אזויא וויא נח האט זיין מויל

„תאמין לי איש אלהים, תאמין לי אדם רב פעלים, כי לו נשארו רשעים אלה בחיים ולא נמחו במימי המבול העזים, אז היתה הארץ ומלואה כיער מלא חיות טורפות, וגם אתה ואביך ואחיך לא היו כמו עתה בחירי יה, רק פראים כְּעֲיָרִים לפי תכונת נפשות הדורות הקודמים לכם. וגם זאת לך לדעת, כי לו ראה אדון כל הארץ כי יש בין אנשי דורי חוח ממאיר אחד העתיד להצמיח אחריו גם פרח קטן אחד אז לא עקרהו ממקומו בזרם מימיו, והעיר בקרבי רוח דעת ממרום כי אבקש עליהם רחמים מלפניו וגם לו תארתי לפניך אדם יקר את התועבות

---

געפינט זענען אלע שטיל געבליבען און האבען געגלוסט צו הערין זיין אנטווארט. און ער האט געזאגט:

„זאלסט מיר גלייבען גאטליכער מאן, זאלסט מיר גלייבען טיכטיגער ארבייטס־מאן, דאס ווען דיא רשעים וואלטען לעבען געבליבען און זייא וואלטען נישט אבגעמעקט געווארען אין דיא שטארקע וואסערין פון מבול, דאמאלס וואלט דיא וועלט מיט אלעם וואס געפונט זיך אין איהר, געוועזען וויא א וואלד פוהל מיט רייצענדע טהירע, אויך דוא און דיין פאטער און דיינע ברידער וואלטען נישט געוועזען גאטס־אויסערוויילטע וויא יעצט, נור ווילד וויא מויל־עזלען לויט דעם גייסטליכען כאראקטער פון די פערצייטישע דורות. אויך ברויכסט דו וויסען, דאס ווען דער הערר פון דיא וועלט וואלט געזעהען דאס צווישען דיא מענשין פון מיין דור געפונט זיך איין פערשאלטענער דארן וואס עס איז פארברייט צו וואקסען פון איהם אויך איין קליינע בלוהם, דאמאלס וואלט ער איהם נישט אויסגעריסען פון זיין ארט מיט דעם שטראם פון זיינע וואסערין, און ער וואלט אין מיר דערוועקט א וויסענ־שאפטליכען געדאנק פון הימעל, דאס איך זאלל פאר איהם בעטין ערבארמקייט אויף זייא. אויך ווען איך וואלט פאר דיר טהייערער מאן פארגעשטעלט דיא פיעל שמוציגע זאכען וואס דיא

הרבות אשר עשו בני דורי בזדון לבם העדל, אז סמרו שערות ראשך וכסית באצבעותיך את עיניך מגודל הבושה והכלמה, כי על ברכי אדם הנברא בצלם דמות עליון, יולדו פראים מתועבים וטמאי נפש כאלה, אשר התערבו הערובת המשגל בהולכי על ארבע, ושחתו את זרעם בבהמות שדה וחיתו יערות, ובכל עבר ופנה נראו תהלוכות אכזריות גזל חמס עושק ורצח, זה נשא על כתפיו את הכלים אשר פעלם או קנם בזעת אפו, ובא רעהו וגזלם לעיניו בחזקה ואין מוחה, זה ארש לו אשה, ובא השני ורצחו נפש ויבוז ממנו את אשת חיקו לעיני השמש ואין מושיע. פעם אחת סבבו חבר מרצחים את ביתי בחרבות מגואלות בדם,

---

מענשען פון מיין דור האבען געטוהען מיט דעם פלייסיגקייט פון זייער אונפערשטאנדליך הארץ, דאמאלס וואלטען דייגע האאר פון קאפף געווען ווייא געגעל אונ מיט דייגע פינגער וואלסט דוא פערשטעלט דייגע אויגען פון גרויסע שאנדע, דאס אויף דיא שוים פון דעם מענש וואס איז בעשאפען געווארען מיט א גאטליך געשטאלט, זאללען געבוירען ווערין אזאלכע אונווירדיגע ווילדע אונ בעשמוצטע גייסטען וואס זייא האבען זיך פעראונרייניגט מיט דיא וואס גייען אויף פיער, אונ האבען זייערע נאטור פערדארבען אין דיא בהמות פון פעלד אונ דיא וואלד־טהירע, אונ אין יעדע זייט אונ ווינקעל זעננען געזעהען געווארען אכזרישע פירונגען, שטוילען, רויבען, בעטריבען, ערמארדען. דער האט אויף זייגע אקסלען געטראגען דיא זאכען וואס ער האט זייא געמאכט אדער געקויפט מיט דיא שוויים פון זיין געזיכט, איז געקומען זיין פריינד אונ האט זייא מיט געוואלד אוועקגערויבט פון איהם פאר זייגע אויגען אונ קיינער האט גישט געווערט. דער האט געהייראט א פרויא, איז געקומען דער צווייטער אונ האט איהם ערמארדעט אונ האט גענומען דיא זונן אוועקגערויבט זיינע ליעבליכע פרויא, אונ עס איז קיין רעטטער געוועזען. איין מאהל האבען א קאמפאניע

ויבקשו להרגני ולבוז כל רכושי, ולולא נפלו עליהם הנחשים בשצף קצפם, והצליחו לספות נפשם השובבה, אז כרתו עד מהרה את גידי צוארי, ודמי הנקי נשפך לעיניהם כמים. ורבות עמלתי ליסרם ולהשיבם מדרכיהם הנלוזים, אך המה בזו לענו עלי ועל תוכחתי וחשבוני לחסר טעם. לכן מגודל חמלתי על הדורות הבאים, נאלצתי לעמוד כאלם מרחוק, ולתת ליד שדי לחתום את עונשם הקשה, כרופא הכורת הבשר המנגע לבל תלך כל הגויה לאבדון. ודע לך בחיר אלהים, כי בנשאך זה עתה על שכמך משרת מושל בישראל, תזהר עד מאד לבל

---

מערדערס ארומגערינגעלט מיין שטוב מיט פערבלוטיגטע שווערדען און האבען מיך געוואלט טייטען און אוועק רויבען מיין פערמעגען, און הען עס וואלטען נישט אויף זייא ארויף געפאללען די שלאנגען מיט זייער בייזען צארן און זייא האבען בעגליקט אומצוברענגען זייער ווילדען גייסט, דאמאלס וואלטען זייא שנעלל צו שניטטען דיא אדערין פון מיין האלז, און מיין אונשולדיג בלוט וואלט פאר זייערע אויגען פערגאסען געווארען וויא וואסער. און איך האב זיך פיעל געמאטערט צו שטראפען זייא און זייא אוועק צו נעממען פון זייערע אויסגעלאסענע וועגען, אבער זייא האבען געשפעט און געלאכט אויס מיר און אויס מיין שטראף, און זייא האבען מיך גערעכענט אלס פעריקטער. דאדורך פון מיין גרויס מיטלייד אויף דיא דורות וואס זענען פארברייט געוועזען צו קוממען אויף דיא וועלט: בין איך געצווינגען געוועזען צו שטעהן פון וויטטענס וויא א שטוממער, און לאססען דאס גאטס האנד זאלל אונטער זיגלען זייער שווערע שטראף, אזויא וויא דער ארצט שניידט אב דאס קראנקע פלייש כדי דער גאנצער קערפער זאלל נישט פערלוירען געהן, און דוא גאטס אויסערוויילטער ברויכסט וויססען דאס מיט דיין יעצטיגען טראגען אויף דיין אקסעל דעם טיטעל יודישער־בעגירער זאלסט דוא זיין זעהר פארזיכטיג דאס דיין אויג זאלל

תהום עינך על הקוצים המכאיבים את השושנים, כי בחמלתך עליהם יֵהָפְכוּ גם הפרחים לקוצים והשושנים לסלונים ממאירים, ואז יסיר בעל הכרם חלילה את השגחתו ממנו".

ויהי כאשר כלה נח לדבר אחז המלאך בידי משה ויביאהו אל היכל אחר החצוב כלו מאבן שוהם אחד, וכל עין בשר לא תעצור כח להביט על יפיו והדרו, ופני משה נהרו בראותו והגה חבל מלאכים מנגנים לפני חנוך בן ירד היושב שמה על כסא רם ונשא מנגינות יקרות ורננים נעלים, אשר לו נגנו אותן באזני החיים עלי אדמות, אז מתו השומעים כרגע מגודל העונג הנפלא. ובראות חנוך איך איש עמום גו ובשר עומד איתן בהיכלו, נגש

---

זיך נִישְׁט עֶרְבַּארְמֶען אוֹיף דִיא דֶערְנֶער וָואס זַייא טוּהֶען וָועה דִיא רוֹיזֶען, וַוייל מִיט דַיין עֶרְבַּארְמוּנְג אוֹיף זַייא וֶועלְלֶען דִיא בְּלוּהמֶען אוֹיךְ פֶערְקֶערְט וֶוערִין אוֹיף דֶערְנֶער, אוּנ דִיא רוֹיזֶען וֶועלְלֶען וֶוערִין פֶערְפְלוּכְטֶע דֶערְנֶער, אוּנ דַאמָאלְס וֶועט דֶער הֶערר פוּן גָארְטִין חָלִילָה אָבְּטוּהֶען זַיין הַשְׁגָחָה פוּן אִיהם".

אוּנ וִויא נֹחַ הָאט גֶעעֶנְדִיגְט זַיין רֶעדֶע, הָאט דֶער מַלְאָךְ אָנְגֶענוּמֶען משֶׁה'ס הַאנְד אוּנ הָאט אִיהם אַרַיין גֶעבְּרַאכְט אִין אַ אַנְדֶערִין פַּאלַאס וָואס אִיז אִין גַאנְצֶען גֶעקְרִיצְט פוּן אֵיין בְּרִילִיאַנְט; אוּנ יֶעדֶעס מֶענְשְׁלִיכֶע אוֹיג בֶּעזִיצְט נִישְׁט דִיא קְרֶעפְטֶען צוּ קוּקֶען אוֹיף זַיין הֶערְלִיכְקֵייט אוּנ שֵׁינְהַייט. אוּנ משֶׁה'ס גֶעזִיכְט הָאט גֶעשַׁיינְט זֶעהֶענְדִיג וִויא אַ קָאמְפַּאנְיֶע מַלְאָכִים שְׁפִּיעלֶען פַאר חֲנוֹךְ יֶרֶד'ס זוּהְן, וָואס זִיצְט דָארְט אוֹיף אַ הוֹיכֶע גֶעעֶהְרְטֶע שְׁטוּהְל, טְהֵייעֶרֶע לִיעדֶער אוּנ הוֹיכֶע גֶעזַאנְגֶען, וָואס וֶוען מֶען זָאלְל זַייא שְׁפִּיעלֶען אִין דִיא אוֹיעֶרִין פוּן דִיא לֶעבֶּענְדִיגֶע אוֹיף דִיא עֶרְד, וָואלְטֶען דַאמָאלְס אַלֶּע הֶערֶערְס אִין אֵיין זֶעקוּנְדֶע גֶעשְׁטָארְבֶּען דוּרְךְ דֶעם גְרוֹיסֶען וואוּנְדֶערְלִיכֶען פֶערְגֶענִיגֶען. אוּנ וִויא חֲנוֹךְ הָאט גֶעזֶעהֶען וִויא אַ מֶענְשׁ וָואס אִיז בֶּעלַאסְטֶעט מִיט אַ פְלֵיישִׁיגֶען קֶערְפֶּער שְׁטֶעהְט פֶעסְט אִין זַיין פַּאלַאס, אִיז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ

אליו כתמהון גדול וישאלהו מי הוא ומה מעשהו שמה ? ומשה ענהו כי הוא בא לקחת התורה בעד אחיו הנבערים מדעת קדושים, ולהדריכם לאט לאט בדרך ישרה. אז נתן לו חנוך תודה ויזרוק עליו נטפי מים חיים מהנהר הנפלא השוטף שמה ותאורנה עיניו, ויאמר אל משה: „ראה בני וחכם לכלכל את ממשלתך בצדק ובמשפט. השמר לך עד מאד לבל תכעוס בעת אשר ראוי לך לרחם, גם לא תרחם בעת אשר ראוי לך לקצוף, תחשוב תמיד את הגויה כמו כלוב חרש ואת הנשמה לעוף נחמד ונעים הסגור בו. וכרועה נאמן אשר יחרף נפשו בכל עת להציל גם שה קטן מפי ארי פרא וזאב טורף, כן תהיה נכון בכל עת

---

איהם מיט א גרויס פערוואונדערונג, אונ האט איהם געפראגט ווער ער איז אונ וואס איז דארט זיין טוהען ? אונ משה האט איהם געענטפערט דאס ער איז געקוממען נעממען דיא תורה פאר זיינע ברידער וואס זענען לעהר פון דעם פערשטאנד פון דיא היילינע, אונ זייא אנגעוואהנען לאנגזאם מיט דעם ריכטיגען וועג, דאמאלס האט איהם חנוך א דאנק געגעבען, אונ האט אויף איהם א שפריטץ געטוהען לעבענדיגסוואססער פון דעם וואונדערליכען טייך וואס ער פליסט דארטען, אונ זיינע אויגען האבען אנגעהויבען צו לייכטען, אונ ער האט געזאגט צו משה: „זעה מיין זוהן אונ פערשטעה צו פיהרען דיין רעגירונג מיט עהרליכקייט אונ ריכטיגקייט. זאלסט זיין זעהר געווארענט דאס דוא זאלסט נישט צערנען אין דיא צייט וואס דוא ברויכסט זיך צו ערבארמען, אויך זאלסט דוא דיך נישט ערבארמען אין דיא צייט וואס עס איז דיר פאסענד צו צערנען. דוא זאלסט אימער רעכענען דעם קערפער וויא א ערדענע שטייג, אונ דיא זעעלע פאר א גלוסטיגען זיסען פויגעל וואס ער איז אין איהם פערשלאססען. אונ אזויא וויא א עהרליכער פאסטוך וואס ער שטעלט אן זיין לעבען צו יעדע צייט, צו רעטטען אויך איין קליין שעפסעלע פון דעם מויל פון א ווילדען לייב אונ א רייצענדער

מצוא לחרף נפשך גם בעד איש אחד מבני ישראל, כי לפעמים יביא איש שפל כזה ברכה רבה לכל העם יותר מן האיש אשר על פני כל עמו יְכֻבַּד והחכמה עטרה על ראשו".

משה הקשיב אמרי נועם אלה בנחת וישאל את חנוך לאמור: „אנא הגד לי קדוש עליון, במה מצאת אתה חן גדול בעיני אלהים יותר מכל בני גילך, כי העלה אותך בחייך למעון קדשו השמימה, וכל חבלי מות ומצרי שאול היו ממך והלאה, הלא בימיך עוד לא היתה התורה בארץ, ולא ידעת לשמור כל פקודיה ומצותיה כי תבא על ידם לעונג גדול ונעלה מבינת אנוש? אנא הגד לעבדך תשובה נכוחה על זאת, אולי אוכל גם

---

וָואלְף, אַזוֹיא זָאלְסְט דוּא זַיין פָארְבְּרֵייט אִין יֶעדֶע מְרֶעפֶּענְדֶע צַייט, אַנְצוּשְׁטֶעללֶען דַיין לֶעבֶּען אוֹיךְ פַאר אֵיין מֶענְשׁ פוּן דֶעם יוּדִישֶׁען הוֹיז, ווַייל אָפְּטְמָאהְל בְּרֶענְגְט אַזוֹיא אַ נִידְרִיגֶער מֶענְשׁ מֶעהר ווִיכְטִיגֶע נוּטְצֶען צוּם גַאנְצֶען פָאלְק, פַאר דֶעם מַאן וָואס זַיין גַאנְץ פָאלְק בֶּעעֶהְרְט אִיהם, אוּנ דִיא חָכְמָה אִיז אַ קְרוֹין אוֹיף זַיין קָאפּ".

משֶׁה הָאט דִיא זִיסֶע ווֶערְטֶער פֶערְנוּמֶמֶען מִיט פֶערְגֶעניגֶען, אוּנ עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט חֲנוֹךְ'ן זָאגֶענְדִיג: „אִיךְ בֶּעט דִיךְ זָאג מִיר גָאטֶס־הֵיילִיגֶער, מִיט וָואס הָאסְט דוּא גֶעפוּנֶען אַגְרוֹיסֶען חֵן אִין גָאטֶס אוֹיגֶען, מֶעהר פַאר אַללֶע דַיינֶע פֶערְגְלִיכֶענְטֶע מֶענְשֶׁען, דָאס עֶר הָאט דִיךְ לֶעבֶּענְדִיגֶערְהֵייט אַרוֹיף גֶענוּמֶמֶען אִין זַיין הֵיילִיג וָואהנוּנְג אִין הִימֶּעל, אוּנ אַללֶע טוֹיט־שְׁמֶערְצֶען אוּנ דִי שְׁטַארְבְּלִיכֶע ווֶעהֶען זֶענֶען פוּן דִיר ווַייט גֶעוֶועזֶען, עֶס אִיז דָאךְ אִין דַיינֶע צַייט נָאךְ נִישְׁט גֶעוֶועזֶען דִיא תּוֹרָה אוֹיף דִיא עֶרְד, אוּנ דוּא הָאסְט נִישְׁט גֶעוואוּסְט צוּ הִיטֶען אִיהרֶע גֶעזֶעטְצֶע אוּנ אִיהרֶע בֶּעפֶעהלוּנְגֶען, דָאס דוּא זָאלְסְט דוּרְךְ זֵייא קוּמֶמֶען צוּ אַ גְרוֹיס פֶערְגֶעניגֶען וָואס אִיז הֶעכֶער פַאר דֶעם מֶענְשְׁלִיכֶען פֶערְשְׁטַאנְד? אִיךְ בֶּעט דִיךְ זָאג דַיין קְנֶעכְט אַ רִיכְטִיגֶען אַנְטְווָארְט אוֹיף דֶעם, פִילֵייכְט ווֶעלל אִיךְ אוֹיךְ קָאנֶען טוּהֶען ווִיא דוּא אוּנ גֶעהְן אִין

אנכי לעשות כמוך וללכת בעקבותיך, וגם אוכל להדוף את המות האכזרי טמא השם ורב המהומה מפני ומפני אַחַי הנאהבים בכשרונותיהם אשר אלמדם ללכת בדרכיך?".

ויען חנוך בן ירד ויאמר: „הלא ידעת בחיר שדי כי אין משא פנים לפני אלהי הצבאות, רק הכל הוא לפי מפעלות האדם ומעשיו בחלד בעוד נשמתו כלואה וסגורה בגויתו, רק אחרי הגיתי ולמדתי כל החכמות וכל המדעים הספונים וכמוסים בכל מסתרי היצירה, נוכחתי לדעת כי תכלית כל הלמודים ויסוד כל המדעים הוא להיות הומל וחונן ולמשוך בכל עת חוט של רחמים על כל חי ועל כל רמש אשר תחת השמים, לחשוב את

---

דַיינֶע טְרִיט, אויך וֶועל אִיך קָאנֶגען אַוֶועק שְׁטויסֶען פוּן מִיר אוּנ פוּן מַיינֶע לִיעבֶּע בְּרִידֶער, דֶעם אַכְזָרִישֶׁען טויט, דֶער שְׁמוּטְצִיגֶער גָאהמֶען אוּנ פִיעלטוּמֶעלְדִיגֶר, דוּרְךְ זַייעֶרֶע פֶעהִיגְקֵייטֶען וָואס אִיךְ וֶועלל זֵייא לֶערְנֶען גֶעהן אִין דַיינֶע וֶועגֶען?".

הָאט חֲנוֹךְ יֶרֶד'ס זוּהְן גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּנ גֶעזָאגְט: דוּא אויסְ־עֶרְוֵוילְטֶער פוּן אַלְמֶעכְטִיגֶען גָאט וֵייסְט דָאךְ דָאס עֶס גִיבְּט נִישְׁט קֵיין קָאנְדְשַׁאפְט פַאר דֶעם גָאט פוּן אַללֶע הֶערְשַׁאפְטֶען, נוּר אַללֶעס אִיז לויט דִיא אַרְבֵּייט פוּן מֶענְשֶׁען אוּנ זַיינֶע וֶוערְק אויף דִיא וֶועלְט וֶוען זַיין זֶעלֶע אִיז נָאךְ פֶערְשְׁפַּארְט אוּנ פֶערְשְׁלָאססֶען אִין זַיין קֶערְפֶּער, נוּר נָאכְדֶעם וִויא אִיךְ הָאבּ אַרַיין גֶעטְרַאכְט אוּנ דוּרְכְ־גֶעלֶערֶענְט אַללֶע חָכְמוֹת אוּנ אַללֶע וִויססֶענְשַׁאפְטֶען וָואס זֶענֶגען בֶּעהַאלְטֶען אוּנ פֶערְשְׁלָאססֶען אִין אַללֶע בֶּעהֶעלְטֶענִיססֶען פוּן דִיא וֶועלְטְהַארְמָאנִיֶע, הָאבּ אִיךְ מִיךְ אִיבֶּערְצֵייגְט צוּ וִויססֶען דָאס דֶער צְוֶועק פוּן אַללֶע קֶענְטֶענִיסֶען אוּנ דֶער פוּנְדַאמֶענְט פוּן אַללֶע וִויססֶענְ־שַׁאפְטֶען אִיז צוּ זַיין אַ עֶרְבַּארְמְדִיגֶער אוּנ אַ לַייטְזֶעלִיגֶער, אויךְ צוּ צִיהֶען אִין יֶעדֶע צַייט אַ פָאדֶעם פוּן רַחֲמִים אויף יֶעדֶען לֶעבֶּענְדִיגֶען אוּנ אויף יֶעדֶען בֶּעשֶׁעפֶּענִים וָואס אִיז אוּנְטֶער דֶעם הִימֶעל, צוּ בֶּעטְרַאכְטֶען דִיא גֵייסְטְלִיכֶע קְרַאנְקֶע גְרַאדֶע וִויא דִיא קֶערְפֶּערְלִיכֶע

חולי הנפש כמו חולי הגו ולחמול על שניהם כאחד, יען כאשר יש מחלות שונות ומומים רבים לגויה, כן יש המון מחלות והרבה מומים לנפשות בני תמותה, וכל בעל נפש תמה נחוץ להביט על שניהם בעיני חמלה וחנינה".

המלאכים המטירו על ראשו גשם פרחים רעננים רגעים אחדים והוא הוסיף לאמר: „אנכי הייתי *) תופר נעלים, וכל תענוגי החיים הבשרים השלכתי הלאה מלפני כאשר ישליך איש נבלי חרש אשר אין חפץ בהם, מעודי לא עשיתי נעלים מעור בהמה הרוגה או שחוטה בידי אדם וחיות טרף, רק מעור בהמה מתה מאליה, ולא עבדתי יותר משני נעלים בכל שבוע, בידעי

---

קראנקע, אונ צו ערבארמען זיך אויף ביידע גלייך. ווייל אזויא וויא עס גיבט פערשידענע קראנקהייטען אונ פיעל פעהלערס צום קערפער, אזויא גיבט פיעל קראנקהייטען אונ פיעל פעהלערס צו דיא זעעלעס פון דיא שטערבליכע קינדער, אונ יעדער וואס ער האט א געזונדטע זעעלע איז געצוואונגען צו קוקען אויף ביידע מיט ערבארמדיגע אונ לייטזעליגע אויגען".

יא מלאכים האבען איניגע זעקונדען געמאכט רעגענען אויף זיין קאפף א רעגען פון שמאקפאללענדע בלוהמען, אונ ער האט ווייטער געשפראכען: „איך וואהר א שוסטער אונ אללע קערפערליכע פערגעניגענס האב איך פון מיר אוועק געשטויסען גראדע וויא דער מענש שמייסט פון זיך אוועק דיא ערדענע שארבעלעך וואס זייא ברענגען מעהר קיינע נוטצען נישט. איך האב קיין מאהל נישט געמאכט א שוך פון דיא פעלל פון א בהמה וואס זיא איז געוואָרען געטייט אדער געקוילעט דורך מענשליכע האנד אונ דורך ווילדע טהירע, אויסער פון דיא פעלל פון א בהמה וואס זיא איז פון דיא נאטור געשטארבען. אויך האב איך נישט געארבייט מעהר פון

---

*) פי' מגיד מישרים למרן הכ"י ז"ל פ' מקץ

כי מהם אמצא לי לחם יבש ומעט חלב להחיות את נפשי, וביתר עתות היום רבות עמלתי לראות ולהתבונן במפעלות אלהים ולמצוא לי מפתחות המחקר לפתוח בהם דלתות היכל הרזים הסגורות מאד, ובראותי נפלאות שדי וגבורותיו העצומות במערכת היצירה, אז התלקחה בקרבי אהבה עזה כמות לאדון כל הארץ, ובזכרי את שמו הגדול, הרגישו כל עצמותי וכלי גויתי עונג גדול עד מאד, עיני מלאו אור יקרות, קבתי ידעה שבעה כמו ממעדני מלך, ראשי היה עלז ושמח כחתן ביום חופתו, עורקי וגידי היו כמו מיתרי כנור נעים עת ינגן המנגן עליהם מנגינות עליזות, עדי לא האמנתי כי מחומר מזוהם קרצתי ובבטן אשה רקמתי.

---

צוויא שוך יעדע וואך, ווייל איך האב געוואוכט דאס פון זייא וועלל איך האבען צו ערגעהרען מיין לעבען מיט טרוקען ברויט אונ א ביססעל מילך, אונ אין דיא רעשט צייטען פון טאג האב איך זייך פיעל געמאטערט צו קוקען אונ אריין צו קלעהרין אין גאטס ארבייט, אונ צו געפונגען פאר מיר דיא שליסלען פון וויססענ־שאפט צו עפענען מיט זייא דיא טירען פון דעם פאלאס פון דיא געהיימניססען וואס זייא זענגען זעהר פערשלאססען. אונ וויא איך האב געזעהען דעם אלמעכטיגען גאטס וואונדער אונ זיינע גרויסע מאכטיגקייטען אין דיא נאטורליכע הארמאניע, דאמאלס האט אין מיר געפלאקערט א שטארקע שטארבליכע ליעבע צו דעם העהר פון דיא גאנצע וועלט, אונ וויא איך האב דערמאנט זיין גרויסען נאהמען, האבען מיינע ביינער אונ דיא גלידער פון מיין קערפער געשפיערט זעהר א גרויס פערגעניגען, מיינע אויגען זענגען פוהל געווארען מיט א טהייערע ליכטיגקייט, מיין מאגען האט געוואוסט זעט וויא פון קייזערליכע עססענס, מיין קאפף איז געוועזען פרייליך אונ לוסטיג וויא א חתן אין זיין חופה־טאג, מיינע נערווען אונ אדערין זענגען געוועזען וויא דיא סטראנגעס פון א זיסע פידעל ווען דער ארטיסטע שפיעלט אויף זייא פרייליכע לידער, ביז איך האב

גם עסלתי תמיד עד בלי די, לבער השקר הארור מן הארץ, ולתת להאמת חוסן וחיל עוז ועצמה. לפרוש על כל חי את כנפי ממשלתו. אך היסוד הגדול בכל תהלוכותי הוא היותי תמיד מלא חמלה, עדי במרומים כי מעודי לא הכאבתי זבוב על הכותל, מעודי לא מלאני לבי להרגיז עורקי כל חי, מעודי לא הכנתי לדבר שמץ רע על בן אדם גם על רע מעללים המשתחוה ליצרו הרע וסר תמיד למשמעתו, ומדי הרגשתי רגשי הכעס והחמה בקרבי אז נפתחו ארובות עיני וגשם דמעות נתך על לחיי, בחשבי כי אך תולעים רעים ומדים התגנבו במוחי להשליכני

---

נישט געגלייבט דאס איך בין געהויעלט געוואָרען פון א שמוטציג מאטעריאל אונ איך בין געוועבט אין א פרוים בויך. אויך האב אין מיך אימער געמאטערט אונ האב מיך נישט בעניגען געלאסט, אויסצורייניגען דעם פערפלוכטען שקר פון דיא וועלט, אונ צו געבען דעם אמת קראפט אונ שטארקהייט שטאלץ אונ פעהיגקייט, צו פערשפרייטען דיא פליגעל פון זיין רעגירונג אויף אללע בעשעפעניסען. נור דער גרויסער פונדאמענט אין אללע מיינע וועגען איז מיין זיין אימער פילל מיט ערבארמקייט. מיין צייגער איז אין הימעל דאס פון מיין יוגענד אן האב איך נישט וועה געטוהען א פליג אויף דיא וואנט. פון מיין יוגענד האט מיין הארץ מיר נישט ערלויבט צו דערציטערין דיא גערווען פון יעדעס בעשעפענים. פון מיין יוגענד אן האב איך מיך נישט אנגעשטעלט צו ריידען דאס מינדעסטע שלעכטע וואָרט אויף יעדען מענש, אויך נישט אויף דעם שלעכטען וואס ביקט זיך צו זיין בייזען יצר, אונ שטעהט אימער צו זיין בעדינונג. אונ ווען איך האב געשפיערט אין מיר דיא ווערקונגען פון צארן, דאמאלס האבען זיך דיא פענסטער פון מיינע אויגען געעפענט, אונ א רעגען מיט טרערען האט געפלוסט אויף מיינע וואנגען, מיט מיין רעכנען דאס נור שלעכטע ביטערע ווארם האבען זיך פערגנבט אין מיין מוח,

כסלם השתלמותי לבור תחתית, ובבכיתי זאת ברח הכעס מחדרי לבי, והחמלה בת שמים ירשה מקומו".

המלאכים אשר עפו ממעל השמיעו יחד מנגינה נפלאה משיבת נפש, ואחרי רגעים אחדים שתקו, בראותם כי חנוך פער פיו ויאמר באזני משה איש האלהים:

"ולכן אתה איש חי רב פעלים, בהיותך עתה רועה צאן קדשים, הלא המה בני ישראל הנחשבים בעיני שדי ככוכבים מאירים בעולם המעשה, השמר לך מאד לבל תתן להכעס מהלכים בקרב נפשך המשכלת, כי הכעס הוא כתאומים להאולת, והחמלה היא כתאומים להדעת, והאיש המכניס בקרבו את הכעס,

---

אַרויפֿגעזעצט צוא שמייסען מיך פון מיינע בילדונגס־לייטער אין אַ געפֿאַהרליכען גרוב אַריין, אונ מיט דעם קלאַגען איז דער צאָרן אַנטלאָפען געוואָרען פון דיא קאַמערען פון מיין האַרץ, אונ דאָס ערבאַרמקייט, דיא הימלישע טאָכטער, האָט געאַרבט זיין אָרט".

דיא מלאכים וואָס האָבען אין דיא הייך געשוועבט, האָבען געמאַכט הערען אַ וואונדערליכע מעלאָדיע וואָס דערקוויקט יעדען גייסט, אונ נאָך איינינע זעקונדען זענען זייא שטיל געוואָרען, זעהענדיג דאָס חנוך עפֿענט זיין מויל אונ האָט געזאָגט אין דיא אויערין פון משה דער געטליכער מאַן:

"אונ דאַדורך דוא לעבענדיגער מענש גרויסער אויפֿטוהער, אַזויא וויא דוא ביסט יעצט דער פאַסטוך פון דיא היילינע שאָף, דאָס זענען דיא יודישע קינדער וואָס זייא זענען גערעכענט אין גאָטס אויגען וויא דיא ליכטיגע שטערין אויף דיא אַרבייטס־וועלט, זאָלסט זיין זעהר געהוטען דאָס דוא זאָלסט דעם כעס נישט געבען קיינע גאַנגע אין דיין פאַלשטאַנדיגען גייסט, ווייל דער כעס איז וויא אַ צווילינג צו דעם דומהייט, אונ דאָס ערבאַרמקייט איז וויא אַ צווילינג צו דעם בילדונג. אונ דער מענש וואָס ער לאָזט צו זיך אַריין דעם כעס, איז גלייך וויא ער ברענגט אַריין מיסט אונ

הוא כמכנים רפש ומרמנה בתוך ביתו, ולא תוכל בת מלך, היא החכמה הצרופה בת שמים, להתרועע אתו יחדו. ובעבור זאת עלתה בידי לעלות חיים השמימה ולהיות מלאך נעלה בשפרירו מרום, לעמוד לימין אלהי הצבאות, ולשלוט על רבותים אלפי שנאן, כי המה התהוו במדרגתם להיות שרפי מעלה, ואני נולדתי על ברכי התאוה המזוהמה, והעפלתי עלות על סלם החכמה, ונצלתי מהמון אבני נגף וצורי מכשול, קוצים מכאיבים וסלונים ממאירים, אשר השטן צעה ברב כחו לפזרם בכל עת תחת רגלי".

ויהי כאשר כלה חנוך את דבריו אלה, ירד עמוד ענן כמראה הקשת בשלל צבעיו, והבדיל עד מהרה בינו ובין משה,

---

בלאטע אין זיין וואהנונג אריין, אונ דיא קיינערליכע מאכטער דאס איז דיא לאטהערע חכמה דיא הימלישע מאכטער, קאן זיך נישט ווילען צוזאממען מיט איהם, אונ צו ליעב דעם האט מיר געלונגען אויף צו געהן לעבענדיגערהייט אין הימעל אריין, אונ צו ווערין א אבער־ענגעל אין דיא הערליכע הימלען, צו שטעהן צו דעם אלמעכטיגען גאטס רעכטע האנד, אונ רעגירען אויף מיליאנען מלאכים, ווייל זייא זענען גלייך געווארען מיט זייער בעשטאנד צו זיין הימלישע ענגלען, אבער איך בין געבוירען געווארען אויף דיא קניען פון דיא שמוטציגע תאוה, אונ איך האב מיך געשטארקט ארויף צו געהן אויף דיא וויססענשאפטליכע לייטער, אונ איך בין גערעטעט געווארען פון פיעל שטראכלונגס־שטיינער אונ געפאהרליכע פעלזענס, בייזע דערנער מיט פערפלוכטע ביימער, וואס דער טייפעל האט זיך געפלייסט מיט זיין גרויסען קראפט צו פערשפרייטען זייא יעדעס מאהל אונטער מיינע פיס".

וויא חנוך האט זיינע ווארטער געענדיגט, האט ארונטער געניידערט א וואלקענדיגע זייל אין דעם געשטאלט פון דעם רעגענבויגען מיט זיינע פערשידענע פארבען, אונ האט שנעלל געמאכט

והמלאך אחז בימין משה והובילהו ישר אל היכל אחר המלא מפה אל פה בכל שכיות החמדה המענגות עין רואה. קירותיו מצופות זהב נוצץ ומשובצות ברבבות ואלפי אבני אקדח ספיר ויהלום אשר גודל כל אחת הוא כביצת היענה. הרצפה היא כלה מאבן שהם אחת ועליה מפותחות תמונות החיות והעופות הנודעות בדרכיהם הישרים, ועל שני הכסאות אשר בתוך, ישב אברהם העברי בימין ושרה אשתו בשמאל, ופניהם נוצצים כשמש וירח בשפרירי שחק. משה עמד מרחוק ושמע אברהם יגלה לשרה תעלומות שדי אשר האדם בעודנו אסור בגויתו לא יוכל להבין אותן. וכראות אברהם את משה, האיר אליו פנים וישאלהו

---

א אבזאנדערונג צווישען איהם אונ צווישען משה'ן. אונ דער מלאך האט אנגענומען משה'ס רעכטע האנד, אונ האט איהם גלייך געפיערט אין א צווייטען פאלאס, וואס ער איז געוועזען פוהל פון איין זייט ביז דיא צווייטע זייט מיט אללע גלוסטיגע צירונגען וואס זייא געבען פערגעניגען צום זעהענדיגען אויג. זיינע ווענט זענען בעדעקט מיט בלאשען גאלד אונ בעזעצט מיט מיליאנען ראטהען, רוביגען, סאפירען, אונ ברילליאנטען, וואס דיא גרייס פון יעדען איז וויא איין שטרויס עג. דיא פאדלאגע איז אין גאנצען פון איין דימאנט, אונ אויף איהר איז אויסגעקריצט דיא בילדער פון חיות אונ עופות וואס זענען בעקאנט מיט זייערע פיינע תאראקטארין. אונ אויף צווייא שטוהלען פון מיטטען, איז רעכטס געזיטצען דער יודישער אברהם אונ לינקס זיינע פרויא שרה, אונ זייערע געזיכטער האבען געשיינט וויא די זונן אונ דיא לבנה אויף דיא הערליכע הימלען. משה איז פון ווייטען געשטאנען אונ האט געהארכט וויא אברהם ענטדעקט שרה'ן גאטליכע געהיימניסען, וואס ווען דער מענש איז נאך געבונדען אין זיין קערפער, קאן זייא נישט פערשטעהן, אונ וויא אברהם האט דערזעהען משה'ן, האט ער איהם געצייגט א ליכטיג געזיכט אונ האט איהם געפרעגט וואס ער

מה הוא דורש בהיכלו, ומה הוא שלום בניו עלי אדמות?
ויען משה את אברהם ויאמר: „בניך אשר יצאו על ידי
מארץ מצרים, הנם חולים במחלות הנפש אשר נפלו להם בירושה
מהמצרים השמים מעיניהם רק בחיי בשרים ותאוות מזוהמות
ומתועבות הן מנת חלקם בתבל, ולכן נאלץ אנכי לגהות מזורם
ולרפוא מחלותיהם בתורה הגנוזה בערבות. וממך אב נעלה אבקש
זה עתה, כי תואל להודיעני תולדתך באר היטב, לבעבור אוכל
לספר לבניך הנבערים עוד מדעת קדושים, את תולדות אביהם
הנערץ והנקדש, והענפים יתגאו ויתברכו בשמעם כי צמחו
והשתגשגו משורש נחמד ונעים, ויראו כי יעמוד טעמו בם לעולם".

---

פָאדֶערְט בַּייא אִיהם אִין פַּאלַאס, אוֹיךְ וואס זַיינֶע קִינְדֶער מַאכֶען
אוֹיף דִיא וֶועלְט?

משֶׁה הָאט אַבְרָהָמִין גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּנ הָאט גֶעזָאגְט: „דַיינֶע
קִינְדֶער וָואס זַייא זֶענֶען דוּרְךְ מִיר אַרוֹים פוּן עֶגִיפְּטֶען, זֶענֶען
קְרַאנְק אוֹיף דִיא גֵייסְטְלִיכֶע קְרַאנְקְהֵייטֶען וָואס זֶענֶען זַייא גֶעפַאלֶען
בִּירוּשָׁה פוּן דִיא עֶגִיפְּטִיַאנֶער וָואס זַייא פֶערְנֶעמֶען זַייעֶרֶע גֶעדַאנְקֶען
נוּר אִין דֶעם קֶערְפֶּערְלִיכֶען לֶעבֶּען אוּנ דִיא שְׁמוּטְצִיגֶע אוּנְווירְדִיגֶע
תַּאֲוות זֶענֶען זַייעֶר שְׁטְרֶעבֶען אוֹיף דִיא וֶועלְט, דַאדוּרְךְ בִּין אִיךְ
גֶעצְווּנְגֶען צוּ עֶרְפִינְדֶען זַייעֶרֶע מֶעדִיצִינֶע אוּנ צוּ הֵיילֶען זַייעֶרֶע
קְרַאנְקְהֵייטֶען מִיט דִיא תּוֹרָה וָואס זִיא אִיז בֶּעהַאלְטֶען אִין דִיא
הִימְלֶען. אוּנ אִיךְ בֶּעט יֶעצְט פוּן דִיר גֶעעֶהְרְטֶער פָאטֶער, דָאס
דוּא זָאלְסְט אַזוֹיא גוּט זַיין מִיר צוּ מַאכֶען וִויסֶען דַיינֶע בִּיָאגְרַאפִי
זֶעהר דֵייטְלִיךְ, דָאס אִיךְ זָאלל וִויסֶען צוּ עֶרְצֵיילֶען דַיינֶע קִינְדֶער
וָואס זֶענֶען נָאךְ לֶעהר פוּן דִי הֵיילִיגֶעם פֶערְשְׁטַאנְד, דִי בִּיָאגְרַאפִי
פוּן זֵייעֶרִין הוֹיכְגֶעהֵיילִיגְטֶען פָאטֶער, דֶען דִיא צְווַייגֶען שְׁטָאלְצִירֶען
אוּנ וֶוערִין בֶּערוּהְמְט וֶוען זַייא הָארְכֶען דָאס זַיי הָאבֶּען גֶעשְׁפְּרָאצְט
אוּנ גֶעוַואקְסֶען פוּן אַ גְלוּסְטִיגֶען אוּנ זִיסֶען וָוארְצֶעל, אוּנ זַייא זֶעהֶען
דָאס זַייא זָאלֶען עֶווִיג נִישְׁט פֶערְלִירֶען זַייעֶר גֶעשְׁמַאק".

המלאכים אשר שכנו ממעל לו, החלו לעוף הנה והנה מגודל שמחתם לשמוע תולדות האדם הגדול בענקים זה, ובראותם כי אברהם פער פיו, נדמו כלם כרגע, ויאמר:

„תרח בן נחור אבי, היה אחד מהשרים הגדולים אשר עמדו לימין נמרוד המלך, ומגודל אהבת המלך אליו, לא חסר לנפשו מכל תענוגי החיים, והעניקהו מכל סגולות מלכותו, עדי יצא שמו בכל הארץ לעשיר גדול אשר עפרות זהב לו, ויקח לו לאשה את אמתלאה בת כרנבו, אשר גם היא הביאה לו הון ועושר רב מבית אביה, ובהיות אבי בן שבעים שנה נולדתי אני על ברכיה, ויקרא את שמי אב־רם, כי בהיותו אב לבן נעשה

---

דיא מלאכים וואס האבען גערוהט איבער איהם, האבען אנגעהויבען צו שוועבען הין אונ צוריק פון גרוים פרייד צו הערין דיא ביאגראפי פון דעם גרויסען העלדישען מאן, אונ וויא זייא האבען געזעהען וויא אברהם עפענט זיין מויל, זענען זייא אללע אויגענבליק שטילל געבליבען, אונ ער האט געזאגט:

„מיין פאטער תרח נחור'ס זוהן וואהר איינער פון דיא גרויסע בעאמטע וואס זענען געשטאנען צו דיא רעכטע האנד פון דעם קייזער נמרוד, אונ דורך דעם קייזערס גרויסע ליעבשאפט צו איהם האט ער פון איהם נישט געמינערט פון אללע לעבענדיגע פערגעניגענס, אונ האט איהם געגעבען פון אללע קייזערליכע אנטיקען, ביז זיין נאהמען איז בעקאנט געווארען אויף דיא גאנצע וועלט אלס גרויסער מיליאנער וואס פערמוגט גאלד וויא ערד, אונ ער האט גענוממען א פרויא אמתלאה כרנבו'ס טאכטער, וואס זיא האט איהם אויך אריין געבראכט פון איהר פאטערס הויז א גרויס פערמעגען. אונ ווען מיין פאטער איז אלט געוועזען זיבעציג יאהר בין איך געבוירען געווארען אויף איהר שויס, אונ ער האט מיך גערופען אב־רם, דאס הייסט הויכער־פאטער, ווייל ווען ער איז געווארען א פאטער פון א זוהן איז ער געהאָרען הויך איבער אללע

רם על כל השרים, כי בעצם היום ההוא גדלהו המלך וינשאהו להיות עליון ורם על כל שרי המלכות, לכן עשה בלילה ההוא משתה גדול, וכל השרים הגדולים עם הקטנים התאספו בביתו. ויאכלו וישתו בשמחה רבה ועליצת נפש, ויבלו עתותיהם בכנורות ומנגנים שונים עד חצי הלילה. ויהי בצאתם החוצה נשאו מרום עיניהם, ויראו והנה כוכב גדול ומזהיר מאד ירוץ בחפזון גדול ממזרח השמים, ובמרוצתו בלע אל קרבו את ארבעת הכוכבים אשר הפיצו אורם בארבע רוחות העולם. השרים והחרטומים נבהלו עד מאד מהמחזה המוזר הזה ויתמהו, וכלם פתרו ואמרו כי הוא אות נאמן על הילד אשר נולד לתרח אבי, ומורה לדעת

---

שָׂרִים, דֶעם זֶעלְבֶּען טָאג הָאט אִיהם דֶער קֵייזֶער גְרוֹיס גֶעמַאכְט אוּנ הָאט אִיהם עֶרְהוֹיבֶּען צוּ זַיין הֶעכֶער אוּנ עֶרְהוֹיבֶּנֶער אוֹיף אַלֶע קֵייזֶערְלִיכֶע בֶּעאַמְטֶע, דַאדוּרְךְ הָאט עֶר דִיא זֶעלְבֶּע נַאכְט גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶען בַּאלל, אוּנ אַלֶע גְרוֹיסֶע אוּנ קְלֵיינֶע שָׂרִים הָאבֶּען זִיךְ אִין זַיין הוֹיז פֶערְזַאמֶעלְט, אוּנ הָאבֶּען גֶעגֶעסֶען אוּנ גֶעטְרוּנְקֶען מִיט גְרוֹיס פְרֵייד אוּנ מִיט אַ גֵייסְטְלִיכֶען מוּטְה, זַייא הָאבֶּען פֶערְבְּרַאכְט זֵייעֶרֶע צַייטֶען מִיט פִידְלֶען אוּנ מִיט פֶערְשִׁידֶענֶע גֶעזַאנְגֶען בִּיז הַאלְבֶּע נַאכְט. אוּנ ווִיא זַייא זֶענֶען אַרוֹיס אוֹיף דִיא גַאס, הָאבֶּען זַייא אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען זֵייעֶרֶע אוֹיגֶען צוּם הִימֶעל אוּנ הָאבֶּען דֶערְזֶעהֶען דָאס אַ גְרוֹיסֶער אוּנ זֶעהר אַ לִיכְטִיגֶער שְׁטֶערְין לוֹיפְט זֶעהר שְׁנֶעלל פוּן מִזְרַח־זַייט הִימֶעל, אוּנ אִין זַיין לוֹיפֶען הָאט עֶר אִין זִיךְ אַיינְגֶעשְׁלוּנְגֶען דִיא פִיער שְׁטֶערְין וָואס הָאבֶּען פֶערְשְׁפְּרֵייט זֵייעֶר לִיכְטִיגְקֵייט אִין דִיא פִיער זַייטֶען פוּן דִיא וֶועלְט. דִיא שָׂרִים אוּנ דִיא צוֹיבֶּערְקוּנְסְטְלֶערְס זֶענֶען זֶעהר דֶערְשְׁרָאקֶען גֶעוָוארֶען פוּן דֶעם אוּנְבֶּעקַאנְטֶען פָארְשְׁטֶעללוּנְג אוּנ זַייא הָאבֶּען זִיךְ זֶעהר פֶערְוואוּנְדֶערְט, אוּנ אַלֶע הָאבֶּען בֶּעשֵׁייד אוּנ גֶעזָאגְט, אַז דָאס אִיז אַ רִיכְטִיגֶער בֶּעוַוייז אוֹיף דֶעם קִינְד וָואס אִיז גֶעבּוֹירֶען גֶעוָוארֶען צוּ זַיין פָאטֶער תֶּרַח, אוּנ עֶר צֵייגְט צוּ ווִיסֶען דָאס עֶר

כי יכבוש בכחו וחכמתו את כל הארץ, והוא עם צאצאיו יכניעו מלכים אדירים איתני תבל המושלים על ארבע רוחות העולם.

השרים והחרטומים הִפרדו איש מאחיו בעצבון גדול ודאבון נפש וכל איש מהם הלך לביתו, אך לא נמו שנתם ולא יכלו לסגור אשמורות עיניהם, כי פחדו ומאד רהו להעלים פתרון המראה הזה מהמלך, יען לבם היה בטוח עד מאד כי הוא אות מגיד עתידות גדולות, ואם יעלימוהו, אז בהגיע המועד יצוה המלך לשרפם חיים בכבשן והצדק יהיה אתו. וכאשר האיר אור הבקר, התאספו השרים האלה בחצר המלך, וחרצו ביניהם לגלות אוזן המלך ולספר לפניו את פתרון המראה אשר ראו כלם

---

וועט אנגענומען מיט זיין קראפט אונ מיט זיין חכמה די גאנצע וועלט, אונ ער מיט זיינע קינדער וועללען אונטערטאן מאכען די שטארקסטע מלכים די וועלט־ריזען וואס רעגירען אויף אללע פיער זייטען פון די וועלט.

די שרים אונ די צויבערקונסטלערס זענען זיך צו גאנגען מיט אגרויס טרויערקייט אונ מיט א פערטרובטען גייסט אונ יעדער איז צו זיך אהיים געגאנגען, אבער זיי זענען נישט געשלאפען אונ האבען נישט געקאנט פערשליסען זייערע ברעמען פון די אויגען, ווייל זיי האבען געשראקען אונ זעהר געאנגסט צו פערהוילען פון קייזער דעם בעשיידונג פון דעם וועהעכסט, דען זייער הארץ איז זעהר זיכער געוועזען אז דאס איז א צייכען וואס זאגט גרויסע צוקונפטען, אונ ווען זיי וועללען איהם פערהוילען דאמאלס ווען די צייט וועט קוממען וועט זיי דער קייזער הייסען לעבענדיגערהייט פערברענגען אין קאלכאויפען אונ ער וועט גערעכט זיין. אונ ווי דער טאג האט אנגעהויבען צו לייכטען האבען זיך די בעאמטע פערזאממעלט אין קייזערליכען הויף, אונ זיי האבען צווישען זיך בעשלאסען צו ענטדעקען דאס דעם קייזער אונ ערצייללען איהם דעם בעשיידונג פון דעם וועהעכסט וואס זיי האבען

התיצבו כאיש אחד לפני המלך ויגידו לו את כל המראה אשר הראה אותם אלהים, גם ספרו לו את פתרונם, כי הבן הנולד לתרח יהיה לגוי גדול ועצום מאד, וצאצאיו יכניעו בגבורתם את כל מלכי האדמה תחת רגליהם ויאדימו את חרבותיהם בדם מלכים אדירים. השרים האלה נתנו עצתם לשקול לתרח אבי כסף רב מחירו, ולספות את נפשי בטרם אהיה לאיש. ועצתם זאת מצאה חן בעיני המלך אשר עששו מגודל יראתו ופחדו ממני, ויצו להביא לפניו עד מהרה את תרח אבי, ויאמר אליו המלך: „שמעתי כי נולד לך בן, גם שמעתי כי החרטומים הגדולים ראו אמש במערכת הכוכבים, כי הבן הזה עתיד לשפוך

---

גֶעזֶעהֶען. אַללֶע הָאבֶּען זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט ווִיא אֵיין מַאן פַאר דֶעם קֵייזֶער אוּנ הָאבֶּען אִיהם גֶעזָאגְט פוּן דֶעם זֶעהֶעכְטְ וָואס גָאט הָאט זֵייא גֶעווִיזֶען, אויךְ הָאבֶּען זֵייא אִיהם דֶערְצֵיילְט זֵייעֶר בֶּעשֵׁיידוּנְג, דָאס דֶער זוּהְן וָואס אִיז גֶעבּוירֶען גֶעוָוארֶען בַּייא תֶּרַח ווֶעט זַיין אַגְרוֹיס אוּנ זֶעהר אַ שְׁטַארְק פָאלְק, אוּנ זַיינֶע קִינְדֶער ווֶעלְלֶען מִיט זֵייעֶר הֶעלְדִישְׁקֵייט אוּנְטֶערְטַאן מַאכֶען אוּנְטֶער זֵייעֶרֶע פִיס אַללֶע מְלָכִים פוּן דִיא ווֶעלְט, אוּנ זֵייא ווֶעללֶען רוֹיט מַאכֶען זֵייעֶרֶע שְׁווֶערְדֶען מִיט דִיא רֵיזֶענְדֶע קֶאנִיגֶענְס בְּלוּט. דִיא שָׂרִים הָאבֶּען זֵייעֶר עֵצָה גֶעגֶעבֶּען דָאס מֶען זָאלל מַיין פָאטֶער תֶּרַח אָבְּווֶעגֶען פִיעל גֶעלְד פַאר מִיר אוּנ מֶען זָאלל מִיךְ אוּמְבְּרֶענְגֶען אֵיידֶער אִיךְ ווֶער אַ מֶענְשׁ. אוּנ זֵייעֶר עֵצָה הָאט חֵן גֶעפוּנֶען אִין דֶעם קֵייזֶערְס אויגֶען וָואס הָאבֶּען גֶעצִיטֶערְט דוּרְךְ זַיין גְרוֹיסֶע שְׁרֶעק פַאר מִיר, אוּנ עֶר הָאט גֶעהֵייסֶען מֶען זָאלל פַאר אִיהם שְׁנֶעלל בְּרֶענְגֶען מַיין פָאטֶער תֶּרַח, אוּנ דֶער קֵייזֶער הָאט פַאר אִיהם גֶעזָאגְט: „אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דָאס עֶס אִיז דִיר אֵיין זוּהְן גֶעבּוירֶען גֶעוָוארֶען, אויךְ הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט דָאס דִיא גְרוֹיסֶע צוֹיבֶּערְקוּנְסְטְלֶערְס הָאבֶּען גֶעסְטֶערְן בַּייא נַאכְט גֶעזֶעהֶען אִין דֶעם שְׁטֶערֶענְגֶעווֶעלְבּ שְׁטֶעללוּנְג, דָאס דֶער זוּהְן אִיז פָארְבֶּערֵייט צוּ פֶערְגִיסֶען דָאס בְּלוּט פוּן דִיא

זם מלכים כמים ולעשות שערוריות נוראות בארץ, לכן נכון
נכי לשקול לך מחיר הילד מלא ארמונך כסף וזהב, ואני אצוה
להרוג את הילד כרגע בלי מכאוב קל״.

ויען תרח אבי ויאמר:

בטרם אענה על בקשתך, מלכי אהובי! תעשה נא עמדי חסד ותשמע את אשר קרה לי עבדך אתמול. בין הקרואים אשר באו על המשתה אשר עשיתי היה אעיון בן מורד, והוא בקש ממני לתת לו את הסוס היקר אשר נתת לי ביום שמתני לראש השרים, והוא חפץ לתת לי מחירו מלא ארוה תבן וכספוא, ועניתי לו, כי נחוץ לי לקחת רשיון על זה ממך מלך יקר, וכל אשר תאמר לי אמהר לעשות. ועתה אדני המלך, תן

---

מלכים וויא וואססער אונ צו מאכען שרעקליכע מלחמות אויף דיא וועלט, דאדורך בין איך פארברייט אב צו וועגען דיר דעם ווערט פון דעם קינד דיין פוללען פאלאס מיט זילבער אונ גאלד, אונ איך וועלל הייסען טייטען דיין קינד אין איין אויגענבליק אהן דעם מינדעסטען שמערץ״.

האט מיין פאטער תרח געענטפערט אונ געזאגט:

„בעפויער איך וועל ענטפערן אויף דיין פערלאנג, ליעבער קייזער! זאלסט דוא מיט מיר טוהען א גנאדע אונ זאלסט פער־נעממען דאס וואס עס האט מיר דיין קנאכט געסטערין געטראפען, צווישען דיא גערופענע געסט וואס זענען געקוממען אויף דעם באלל וואס איך האב געמאכט, איז געוועזען „אעיון״ מורד׳ס זוהן, אונ ער האט פון מיר פערלאנגט איך זאלל איהם אוועק געבען דעם טהייערן פערד וואס דוא האסט איהם מיר געגעבען אין דעם טאג וואס דוא האסט מיך פאר אבער־העררר געמאכט, אונ ער האט מיר געוואלט געבען פאר איהם א פוללע שטאלל מיט שטרויא אונ אבריג. האב איך איהם געענטפערט דאס איך בין געצוואונגען צו בעקוממען אויף דעם א ערלויבניס פון דיר טהייערער קייזער,

לי עצתך הישרה אם אֵאות לבקשתו ואתן לו את הסוס היקר הזה בעד מלא ארוה תבן ומספוא ?"

ויהי כשמוע המלך הדברים הריקים האלה, נמלא חמה וידבר רתת: „השאלה ההיא ראויה לאיש סכל אשר רעיוניו לְעַו ולא לאיש תבונות ושר שרים כמוך, כי מה לך מספוא, מה לך תבן, ומה לך ארוה, אם הסוס אין ? וגם הנך יודע, כי הסוס הזה אשר נתתי לך אין על עפר כמהו ליופי, ובמלוא ארוה כסף וזהב לא יסולא, ומה גם בתבן ומספוא".

אז ענהו אבי בפנים שוחקים, ויאמר:

„ועתה ישמע נא אדוני המלך את מוצא שפתיו, כי בּ״עתך

---

אוּנ אַלֶעם וָואם דוּא וֶועסְט מִיר זָאגֶען וֶועלל אִיךְ וִויא אַמְשְׁנֶעלְלסְטֶען טוּהֶען. אוּנ יֶעצְט הֶערר קֵייזֶער גִיבּ מִיר דַיין רִיכְטִיגֶע עֵצָה אִיבּ אִיךְ זָאלל אַיינְוֶוילִּיגֶען צוּ זַיין פֶערְלַאנְג אוּנ גֶעבֶּען אִיהם דֶעם טֵהייֶערְן פֶערְד פַאר אַ פוּללֶע שְׁטַאלל מִיט שְׁטְרוֹיא אוּנ אָבְרִיג ?"

אוּנ וִויא דֶער קֵייזֶער הָאט דִיא פּוּסְטֶע וֶוארְטֶער גֶעהֶערְט אִיז עֶר פוּלל גֶעוָוארֶען מִיט צָארְן אוּנ הָאט בֵּייז גֶעזָאגְט: „דִיא פְרַאגֶע אִיז פַּאסֶענְד פַאר אַ נַארִישֶׁען מֶענְשׁ וָואס זַיינֶע גֶעדַאנְקֶען זֶענֶען צוּ־מִישְׁט, אָבֶער נִישְׁט פַאר אַ וִויסֶענְשַׁאפְטְלִיכֶען מַאן אוּנ אַ אָבֶּערְהֶערר וִויא דוּא, וַוייל צוּ וָואס נוּצְט דֶען דִיר שְׁטְרוֹיא אוֹיךְ וָואס נוּצְט דִיר דֶען אַ שְׁטַאלל וֶוען דָאס פֶערְד אִיז נִישְׁט דָא ?" אוֹיךְ וֵוייסְט דוּא אַז דָאס פֶערְד וָואס אִיךְ הָאבּ אִיהם דִיר גֶעגֶעבֶּען, גִיבְּט נִישְׁט אוֹיף דִיא וֶועלְט זַיין שׁוֹינְהֵייט, אוֹיךְ מִיט אַ פוּללֶע שְׁטַאלל זִילְבֶּער אוּנ גָאלְד קָאן מֶען זַיין וֶוערְט נִישְׁט בֶּעצָאהְלֶען, וִויא נָאךְ מִיט שְׁטְרוֹיא אוּנ אָבְרִיג".

דַאמָאלְס הָאט אִיהם מַיין פָּאטֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ שְׁמֵייכֶעלְדִיג גֶעזִיכְט אוּנ הָאט גֶעזָאגְט:

„אוּנ יֶעצְט זָאלל דֶער הֶערר קֵייזֶער אַזוֹיא גוּט זַיין אוּנ הָארְכֶען וָואס זַיינֶע לֶעפְּצֶען שְׁפְּרֶאכֶען, דָאס דוּא דֶענְקְסְט מִיר צוּ

לתת לי מלא ארמוני כסף וזהב כי אתן נפש בני לממיתים, למה לי כסף וזהב אם בן אין לי לרשת את עשרי אחרי רדתי שאולה? הלא הזקנה החלה להראות אותותיה על גויתי, והמות הולך ומתקרב אלי לטאטאני מעל עפר האדמה, וביד מי אעזוב את כל רכושי והוני אם תניח חרב על צואר פרי בטני?"

המשל הזה הרתיח את דם המלך כמרקחה ורשפי חמה ושביבי קצף נורא בערו מעיניו, עדי נבעת אבי בראותו פניו כלפידי אש, ולא אחר להרגיע את רוחו הסוער בדברים רכים מחמאה ויאמר:

„הלא נפש עבדו הנאמן ונפש פרי בטנו האהוב גם נפשות כל אנשי ביתו למקטנם ועד גדולם מסורות תמיד ביד המלך

---

געבען מיין פוללען פאלאס מיט זילבער אונ גאלד אז איך זאלל מיין זוהנס לעבען איבערגעבען צו דיא טויטשלעגערס, צו וואס נוצט מיר דיין זילבער אונ גאלד ווען איך האב נישט קיין זוהן ער זאלל מיין פערמעגען ארבען נאך דעם וויא איך וועלל נידערן אין גרוב אריין? דיא עלטער האט דאך שוין אנגעהויבען צו צייגען איהרע צייכענס אויף מיין קערפער, אונ דער טויט גייט נעהע צו מיר אב צו ריינינגען מיך פון דיא ערד, אונ אין וועמאנס האנד וועלל איך מיין גאנץ פערמעגען אונ מיין רייכטהום פערלאסען, ווען דוא ליינגסט דיא שווערד אויף מיין קינדס האלז?"

דער משל האט צוקאכט דעם קייזערס בלוט וויא א קעססעל אונ פינקען צארן מיט פלאממען פון א פערכטליכען געם האבען פון זיינע אויגען געפלאקערט, ביז מיין פאטער איז דערשראקקען געווארען זעהענדיג זיין געזיכט וויא פייערדיגע שטאלקאצען, אונ ער האט זיך נישט געזוימט צו בערוהיגען זיין שטארמדיגען גייסט מיט ווייכע רייד וויא פוטער אונ האט געזאגט:

„זיין עהרליכען קנאכטס לעבען אויך דאס לעבען פון זיין ליעב קינד אונ דאס לעבען פון זיין גאנצען הויזגעזונד פון קליינסטען

לעשות עמהן כטוב בעיניו הרחמניות, לכן כל אשר יחפוץ לעשות יוכל עשות גם בלי רשיון מעבדו הדורש תמיד שלומו ומקשיר חלבו ודמו בעד צפרני אצבעותיו, דלתי ביתי פתוחים בכל עת בעד פקידיו הסרים למשמעתו, והם יכולים לקחת את בני הנקי ולהשים כור המות על מתניו, אך לדרוש ממני רשיון על זה ולשקול כסף נמאס בעד חיתו, זאת ממני והלאה".

ויען המלך ויאמר:

„ידעתי בן נחור ידעתי כי כלכם מסורים בידי החזקה, והנכם נאלצים לסור בכל עת למשמעתי, ולחרף נפשכם בעד כל הגה ומלה קטנה אשר תצא מפי, אך לבי לא ירשני להרוג את פרי בטנך בלא כסף מחירו, ורק כאשר יהיה קנין כספי אז אך

---

ביז דעם גרעסטען איז דאך איבערגעגעבען איממער אין קייזערס האנד, צו מאכען מיט זייא וואס עס געפעלט זיינע ערבארמדיגע אויגען, דאדורך אללעס וואס ער פערלאנגט קאן ער דאך טוהען אהן דיא ערלויבניס פון זיין קנאכט וואס ער פאדערט אימער זיין פרידע אונ אפפערט זיין שמאלץ אונ זיין בלוט פאר דיא נעגעל פון זיינע פינגער. דיא טירען פון מיינעם הויז זענען דאך צו יעדע צייט אפפען פאר זיינע בעאמטע וואס זענען געהארכזאם צו איהם, אונ זייא קאנען נעמען מיין אונשולדיגען זוהן אונ אנטוהען דיא שטארבליכע מעסט אויף זיינע פלייצעס, אבער צו פערלאנגען פון מיר א ערלויבניס אויף דעם אונ בעצאהלען אונווירדיג געלד פאר זיין לעבען, דאס איז ווייט פון מיר".

דער קייזער האט געענטפערט אונ געזאגט:

„איך וויים, נחור'ס זוהן! איך וויים דאס איהר אללע זענט איבערגעגעבען אין מיינע שטארקע האנד, אונ איהר זענט געצווינגען צו זיין געהעריג יעדע צייט צו מיין פערלאנג, אונ צו אפפערן אייער לעבען פאר דעם מינדעסטען ווארט אונ זילבע וואס געהט ארוים פון מיין מויל, נור מיין הארץ ערלויבט מיר נישט צו טייטען

אז אוכל לעשות בו כטוב בעיני, ואם תמרה את פי ולא תאות לבקשתי זאת, אז אדע כי אהבתך אותי היא אהבה בלתי זכה וצפורן בנך אהובה לך יותר מכל גויתי אני

אבי התחלחל מאד לשמע הדברים האלה, ומעטה ירוקה כסתה את הוד פניו ויאמר:

„יואל נא אדוני המלך לחכות עוד שלשה ימים, ואדבר רכות על לב אשתי ואפצור אותה פעמים רבות עדי תנענע בראשה גם היא ותאמר הן לבקשתך, פי אם אוציא את פרי בטנה להורג בלי רשיונה, אז תמרד בצדק את חיי עבדך האוהב אותך בלב ונפש והיא לא תתן מנוחה ומרגוע לעצמותי הזקנות, ואני נשבע בשם האלילים הקדושים כי אהבתי לך היא זכה

---

דיין קינד ווען איך בעצאהל נישט זיין ווערט, אונ נור ווען ער וועט זיין מיין געקויפטער דאמאלס נור דאמאלס קאן איך טוהען זויא עס וועט מיר געפעללען, אונ ווען דוא וועסט מיר זיין דער־געגען אונ דוא וועסט נישט בעוויליגט זיין צו מיינע ביטטע זועל איך דאמאלס וויססען דאס דיין ליעבשאפט צו מיר איז נישט אריין ליעבשאפט, אונ דיין זוהנס נאגעל איז דיר פיעל ליעבער פאר מיין גאנצען קערפער".

מיין פאטער האט זעהר געציטערט הערענדיג דיא ווארטער אונ א גרינע רעק האט פערדעקט זיין געזיכט אונ האט געזאגט:

דער הערר קייזער זאלל אזויא גוט זיין אונ ווארטען נאך דריא טאג, אונ איך וועלל ווייך ריידען אויף מיינע פרוי'ס הארץ, אונ איך וועל זיא פיעל מאהל בעטין ביז זיא וועט מיט איהר קאפף צו שאקלען אונ זיא וועט זאגען יא צו דיין פעלאנג, ווייל ווען איך וועלל איהר. קינד ארוים געבען צום טויט אהן איהר ערלויבנים. וועט זיא דאמאלס פערביטערן דאס לעבען פון דיין קנאכט וואס ער ליעבט דיך מיט הארץ אונ זעלע, אונ זיא וועט נישט קיין רוהע געבען צו מיינע אלטע ביינער. אונ איך

ומהורה, ונכון אנכי בכל עת להשרף חי בעד אחת משערות ראשך ובעיניך ראית כי חרפתי נפשי בעדך ובעד מלכותך, ויצאתי בראש צבאיתיך ללחום מלחמותיך הנוראות ולהדוף אויביך מפניך".

המלך, נאות לדברי אבי ויתן לו זמן שלשה ימים, אבי הלך לביתו ויספר באזני אמי את כל דברי המלך, והיא כשמעה בקשת המלך האכזריה, אבדה כמעט כל עשתנותיה ותהי כמשוגעה וסרת טעם מרוב בכיתה ודאבון נפשה על האסון הנורא העומד לספות נפש בנה, אך באחרונה השכילה תת לאבי עצה ישרה, להונות את המלך ולמסור לידו את הילד

---

שוועהר מיט דעם נאהמען פון דיא היילינע גאטער דוס מיין ליעבשאפט צו דיר איז קלאהר אונ ריין, אונ איך בין צו יעדע צייט פארבערייט פערבערענט צו ווערין לעבענדיגערהייט פאר איינם פון דיינע האאר פון קאפף, אונ דוא האסט מיט דיינע אויגען געזעהען דאס איך האב איינגעשטעלט מיין לעבען פאר דיר אונ פאר דיין קאניגרייך, אונ איך בין ארוים פאר דיין מיליטער צו שטרייטען דיינע שרעקליכע מלחמות אונ אוועק צו שטויסען דיינע פיינד פון דיר".

דער קייזער האט איינגעוויליגט צו מיין פאטערס ווארטער אונ ער האט איהם דרייא טאג צייט געגעבען, מיין פאטער איז צו זיך אהיים געגאנגען אונ ער האט אין מיינע מוטטערס אויערין ערצעהלט אללע ווארטער פון קייזער, אונ וויא זיא האט דערהערט דעם קייזערס אכזרישע ביטטע, האט זיא בענויא פערלוירען אללע איהרע געדאנקען אונ זיא איז געווארען וויא א פערוקטע אונ אהנזינענדיגע פון איהר פיעל וויינען אונ איהר גייסטליכען טרויער אויף דעם גרויסען מארד וואס ער שטעהט אומצובריינגען איהר זוהן, נור צום ענדע האט זיא פערשטאנען צו געבען מיין פאטער א ריכטיגע עצה, צו גענארען דעם קייזער אונ צו געבען צו זיינע האנד דאס יונגע קינד וואס מיין פאטערס דיענסט האט צו איהם

הרך הנולד על ברכי שפחתו ביום אשר נולדתי אני

ויהי ביום השלישי, והנה שליח המלך דפק על דלתי אבי ויאמר בשם המלך: „רע שר יקר ונכבד! אם לא תתן לי את חיי בנך במחיר אשר תשית עלי, אז אצוה להרוג את כל אשר בהיכלך האנשים ונשים וטף, וגם אתה תשא עונך".

ולא אחר אבי לתת ביד השליח את בן השפחה, וילך ויתיצב יחד עם השליח לפני המלך, והמלך שמח שמחה גדולה עד מאד על הילד, ויצו לשקול לאבי ארגז מלא זהב טהור מחירו, ואחרי כן לקח את הילד בידיו וינפץ את גלגלתו על רצפת שיש אשר בהיכלו וימת כרגע מתבוסס בדמו הנקי, ויצו

---

געבוירען אין דעם זעלבען טאג וואס איך בין געבוירען געווארין.

אונ וויא עס איז געוועזען דער דריטער טאג, האט דעם קייזערס שליח אנגעקלאפט אויף מיין פאטערס טירען אונ האט מיט דעם קייזערס נאהמען געזאגט: „זאלסט וויססען טהייערער אונ געעהרטער הערר! ווען דוא גיבסט מיר נישט דיין זוהנ'ס לעבען פאר דעם פרייז וואס דוא וועסט שטעללען, וועל איך באפעהלען הייסען מען זאלל אויסטייטען אללע פון דיין פאלאס, מאננער אונ פרויען אויך קינדער, אונ אויך דוא וועסט ליידען פאר דיינע זינד".

מיין פאטער האט זיך נישט געפוילט צו געבען אין דעם שליח'ס האנד דיא דיענסטס זוהן, אונ ער איז געגאנגען אונ האט זיך צוזאממען מיט דעם שליח געשטעלט פאר דעם קייזער, אונ דער קייזער האט זיך געפרייד זעהר אגרויסע פרייד אויף דעם קינד, אונ האט געהייסען אבוועגען פאר מיין פאטער א קאסטען ריין גאלד פאר זיין פרייז, אונ נאכדעם האט ער דאס קינד גענוממען מיט זיינע האנד אונ האט זיין שארבען פון קאפף צו שמעטערט אויף דיא מארמארשטיינערנע פאדלאגע פון זיין פאלאס, אונ ער איז אין איין סעקונדע געשטארבען פערגעצט אין זיין אונ־שולדיג בלוט, אונ ער האט געהייסען זיינע בעאמטע וואס שטעהען

להפקידים הנצבים על ימינו לבשל את בשר הילד ולתתו אכלה לפני האלילים, והפקידים מהרו לעשות מצותו, ולא הפילו מדבריו צרור ארצה.

ואבי חש וימהר להסתיר אותי ואת אמי במערה אחת אשר היתה נעלמה מעיני כל איש, ושם היינו עשר שנים, עדי שכח המלך את כל המקרה ההיא וזכרה נכחד מרעיוניו, ואז עזבתי את המערה ויצאתי לאור העולם, ולמדתי הרבה חכמה ודעת מפי נח ושם בנו, עדי התעוררתי מתרדמת הבערות והכרתי כי יש אדון רם ונשא במרום אשר ברצונו נבראו כל היצורים, ועיני השגחתו משוטטות בכל תעלומה, ובעת ההיא עבדו כל יושבי

---

בייא זיינע רעכטע האנד מען זאלל דעם קינדס קערפער אבקאכען אונד דערלאנגען איהם אלס שפייזע פאר דיא אבגאטטער, אונד דיא בעאמטע האבען שנעלל געטוהען זיין געבאט, אונד האבען נישט געלאסט פאללען דאס מינדעסטע פון זיינע ווארטער.

אונד מיין פאטער האט זיך געפלייסט אונד געאיילט צוא בעהאלטען מיך מיט מיינע מוטטער אין א הייל וואס זיא איז פער־הוילען געוועזען פון דיא מענשליכע אויגען, אונד מיר זענען דארט צעהן יאהר געוועזען, ביז דער קייזער האט פערגעססען דיא גאנצע געשיכטע אונד איהר געדעכעניס איז אבגעמעקט געווארען פון זיינע געדאנקען, דאמאלס האב איך פערלאסט דיא הייל אונד איך בין מיר ארום אויף דיא ליכטיגע וועלט, אונד איך האב געלערנט פיעל קלוגהייט אונד וויססענשאפט פון נח אונד פון זיין זוהן שם'ס מויל, ביז איך האב מיך ערוואכטעט פון דעם לעהרען שלאף אונד איך האב ערקאנט דאס עס גיבט א הויכער געעהרטער העררר אין הימעל, וואס מיט זיין ווילען זענען אללע בעשעפעניססען בעשאפען געווארען, אונד דיא אויגען פון זיינע השגחה שוועבען ארום אין יעדען געהיימנים, אונד אין דיא צייט האבען אללע וועלטבעזיטצערס פון דעם קליינסטען ביז דעם גרעסטען געדינט צו

הארץ למקטנם ועד גדולם לאלילים שתים החצובים מעץ ואבן
והיו בעיניהם העצומות כאלהים, וגם המלך ושריו כלם, וביניהם
גם תרח אבי, הלכו כעורים אחרי הבלי הפסילים האלה, ויאמינו
בכל לבם ובכל נפשם בעצבים ההם, ולאבי אשר היה ראש שרי
המלך היו שנים עשר פסילים שונים, אשר עבד בכל חודש
וחודש לפסל אחר, והקריב לו זבח ונסכים הרבה ברגשי קודש,
ורק נח ובניו בלבד הכירו את אלהי האלהים למושל ושליט יחיד
בעולם, והבינו כי זולתו הבל, ואנכי בשבתי בבית נח, בערה
בלבי תשוקה עזה עד מאד ללמוד תושיה ולהתבשם בפרדס
החכמה העליונה, עדי נפקחו עיני החשכות וראיתי, כי הפסילים
האלה הבל ועובדיהם הבל הבלים, ועד מהרה הקדשתי את כל

---

פֿערשידענע אָבּגעטטער וואס זענען געמאכט פֿון האָלץ און שטיין,
און זיא זענען אין זייערע פֿינסטערע אויגען געוועזען וויא מאכטיגע
געטטער, אויך דער קייזער מיט אַללע זיינע בעאַמטע און צווישען
זיא אויך מיין פֿאָטער תרח זענען געגאַנגען וויא בּלינדע נאָך דיא
נאַרישע בּילדער, און זיא האָבען געגלייבט מיט זייער האַרץ און
זעעלע אין דיא אָבּגעטטער. און מיין פֿאָטער וואס ער איז געוועזען
דער עלטסטער פֿון דיא קייזערליכע הערען האָט געהאַט צוועלף
פֿערשידענע בּילדער, וואס יעדען חודש האָט ער געדיענט צו
אַ אַנדער בּילד, און האָט פֿאַר איהם געבּרענגט אַ אָפּפער און
פֿיעל געטראַנקען מיט הייליגע געוויססען, נור נח מיט זיינע זאָהנע
אַליין האָבען ערקאַנט דעם אָבער־גאָט אַלס רעגירער און איינציגער
געוועלטיגער אויף דיא וועלט, און זיא האָבען פֿערשטאַנען דאַס
אויסער איהם איז נאַרהייט. און איך זיטצענד אין נח'ס הויז, האָט
אין מיין האַרצען געפֿלאַקערט זעהר אַ שטאַרקע לוסט צו לערנען
וויססענשאַפֿטען און צו בעשמעקען זיך אין דעם גאָרטען פֿון דיא
גאָטליכע חכמה, ביז מיינע פֿינסטערע אויגען זענען געעפֿינט
געוואָרען און איך האָב געזעהען, דאַס דיא אָבּגעטטער זענען

כחותי ושארית אוני לאלהי העברים, וכל אשר הוספתי להתבונן במפלאות היצירה, הכרתי יותר קדושת ואמתת אלהי הצבאות הנעלה הנשא והמרומם מבינת בן תמותה.

ויהי בהיותי בן חמשים שנה, עזבתי את בית נח הצדיק והלכתי לראות את שלום אבי, אולי אוכל להוכיח על פניו משוגת אמונתו באלילים, והוא היה אז עוד השר הגדול מכל שרי המלך נמרוד, והמון תענוגיו עם כבודו הרב החשיכו את עיניו ולא ראה מגרעות באלה האלילים, כי הבל יתהו המה, וםהבילים רבבות אלפי בני אדם הראוים לעלות מעלה מעלה על כלם

---

נאריש, אונ דיא וואס דיענען צו זייא זענענ נאך מעהר דום, אונ וויא אמשנעללסטען האב איך אללע מיינע קראפטען געהיילינט אויף מיין לעצטען מאכט צו דעם גאט פון דיא יודען, אונ וואס איך האב געמעהרט אריין צו קלעהרין אין דיא וואונדער פון דיא נאטור, האב איך מעהר ערקאנט דאס היילינקייט אונ דיא וואהרהייט פון דעם גאט וואס איז איבער אללע הערשאפטען, וואס ער איז העבער אונ געהויבענער אויך גרעססער פון דעם שטערבליכען מענשענס פערשטאנד.

אונ וויא איך בין אלט געווארען פונפציג יאהר האב איך פערלאזט דעם צדיק נח'ס הויז אונ איך בין געגאנגען זעהען מיין פאטערס בעשטאנד, פיליכט וועלל איך איהם קאננען איבערציינען דעם גרייז פון זיין גלויבען אין דיא אבגאטטער, אונ ער איז דאמאלס נאך געוועזען דער גרעסטער העדר פון דיא הערדין פון דעם קייזער נמרוד, אונ זיינע פיעל פערגעניגענס מיט זיינע גרויסע עהרע, האבען זיינע אויגען פערדונקעלט אונ האט נישט קיינע פעהלערס געזעהען אין דיא אבגאטטער דאס זייא זענען פוסט אונ נאריש, אונ זייא פערנאהרען צעהנער טויזענדער מענשען וואס זייא בעזיצען פעהיגקייטען ארויף צו געהן העכער העכער אויף דיא פילאזאפישע לייטער אונ ארויס צו ברענגען דאס ליכטיגקייט פון דיא

הדעת ולהוציא את אור החכמות הטמון באלפי היצורים, ומה מאד דאבה נפשי ודמעות רבות הרטיבו את לחיי, בראותי, כי בהיכל אבי עודם עומדים שנים עשר פסילים הנעלים בעיניו וקדושים לאמי גם היא, והם נכונים בכל עת למות בעדם, עדי התלקחה בקרבי אש קצף נורא על אבי המבלה גם אחרית ימיו בהבלי האלילים ותעתועי הפסילים הנמבזים והשפלים, ולא ידאג להכין לנפשו צדה לדרך אל מות, ואז נשבעתי בשם אלהי העברים, כי בעוד שלשת ימים אשבר לרסיסים את כל הפסילים, ואבקש תחבולות שונות להאיר את עיני אבי החשכות, לבעבור יכיר את אדון כל הארץ, ולא יוסיף תת כבוד אלהים למעשה אנוש, והלכתי מהרה אל החצר החצונה וראיתי, והנה אבי

---

חכמות וואס איז בעהאלטען אין דיא טויזענדער בעשעפעניססען, אונ וויא שטארק האט מיין גייסט געטרויערט אונ פיעל טרערין האבען בעפייכטעט מיינע וואנגען, וויא איך האב געזעהען דאס אין מיין פאטערס פאלאס שטעהען נאך דיא צוועלף אבגאטטער וואס זייא זעננען הויך אין זיינע אויגען אונ אויך הייליג ביי מיינע מוטטער, אונ זייא זענגען צו יעדע צייט פארברייט געטייט צו ווערין פאר זייא, ביז עס האט אין מיר אנגעהויבען צו פלאקערן א שרעקליכער צארן אויף מיין פאטער וואס ער פערברענגט אויך זיינע לעצטע טאג מיט דיא דוממע אבגאטטער אונ מיט דיא פערבלאנדזיעטע אונווירדיגע אונ גידריגע בילדער, אונ ער זארגט נישט אנצוברייטען שפייז פאר זיינע זעלע אויף דעם אונשטארבליכען וועג. דאמאלס האב איך געשוואהרען ביי דעם נאהמען פון יודישען גאט, דאס נאך דרייא טאג וועלל איך דיא אללע אבגאטטער צוברעכען אויף שטיקקער, אונ איך וועלל זוכען פערשידענע מיטלען צו בעלייכטען מיין פאטערס פינסטערע אויגען, דאס ער זאלל ערקאננען דעם הערר פון דיא גאנצע וועלט, אונ ער זאלל מעהר נישט געבען אגאטליכע עהרע צו א מענשליכע ארבייט. אונ איך בין שנעלל

יושב בחצר על כסא כבודו ושרים רבים ונכבדים יושבים מימינו ומשמאלו, לבושים בגדי זהב מרהיבי עין, ולא יכולתי להתאפק ולחכות עד יקרא אבי אותי לגשת אליו כדת ונגשתי אליו; ומה מאד התאבלה נפשי בשמעי ברגעים אלה שבועת אבי באזני השרים בשם האליל, ופתחתי את פי בלי מגור ופחד ושאלתיו: אדוני אבי! הורני ואדע מי הוא הפועל הראשון אשר ברא כל אלפי היצורים? איה מקום משכן האלהים אשר ברא שמים וארץ וכל אשר בהם?

ויען אבי ויאמר: „האלהים אשר ברא את כל הנבראים השונים עומד אתנו בבית, ובכחו הנעלם והנראה כאין הכל נוצר".

---

גֶעגַאנְגֶען אִין דֶעם פָארְהוֹיף אוּנ הָאבּ גֶעזֶעהֶען, דָאס מַיין פָאטֶער זִיצְט זִיךְ אִין הוֹיף אוֹיף אַ עֶהרֶע־שְׁטוּהל אוּנ פִיעל גֶעעֶהרְטֶע הֶערֶען זִיצֶען רֶעכְטְס אוּנ לִינְקְס, גֶעקְלֵיידֶעט אִין גָאלְדֶענֶע קְלֵיידֶער וָואס בֶּעצוֹיבֶּערְן דָאס אוֹיג, אוּנ אִיךְ הָאבּ מִיךְ נִישְׁט גֶעקָאנְט אַיינְהַאלְטֶען אוּנ וַוארְטֶען בִּיז מַיין פָאטֶער וֶועט מִיךְ צוּ רוּפֶען אִיךְ זָאלל צוּ גֶעהְן צוּ אִיהם אַזוֹיא וִויא דֶער דֶרֶךְ־אֶרֶץ אִיז, אוּנ אִיךְ בִּין צוּ אִיהם צוּ גֶעגַאנְגֶען, אוּנ וִויא הָאט מַיין גֵייסְט גֶעטְרוֹיעֶרְט הֶערֶענְדִיג אִין דִיא זֶעקוּנְדֶען וִויא מַיין פָאטֶער שְׁוֶועהרְט אִין דִיא הֶערֶענְם אוֹיעֶרִין בַּייא דֶעם אָבְּגָאטְס נָאהמֶען, אוּנ אִיךְ הָאבּ מַיין מוֹיל גֶעעֶפִינְט אָהן אַנְגְס אוּנ שְׁרֶעק אוּנ הָאבּ אִיהם גֶעפְרֶעגְט: „הֶערר פָאטֶער! לֶערְן מִיךְ אִיךְ זָאלל וִויסֶען וֶוער אִיז דָאס דֶער עֶרְשְׁטֶער וֶוערְקְמֵייסְטֶער וָואס עֶר הָאט בֶּעשַׁאפֶען אַללֶע טוֹיזֶענְדֶער בֶּעשֶׁעפֶע־נִיסֶען? וִויא אִיז דָאס אָרְט וָואס דָארְט רוּהְט דֶער גָאט וָואס הָאט בֶּעשַׁאפֶען הִימֶעל אוּנ עֶרְד אוּנ אַללֶעס וָואס גֶעפִינְט זִיךְ אִין זֵייא?"

מַיין פָאטֶער הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּנ גֶעזָאגְט: „דֶער גָאט וִואס הָאט אַללֶע פֶערְשִׁידֶענֶע בֶּעשֶׁעפֶענִיסֶען בֶּעשַׁאפֶען, שְׁטֵעהְט מִיט אוּנְז אִין צִימֶער. אוּנ מִיט זַיין פֶערְהוֹילְטֶען קְרַאפְט וָואס עֶר וָועהְט

ואני בשמעי תשובתו זאת אשר העירה צחוק גדול בקרבי, בקשתיו, כי יראני בביתו את אלוה זה, והוא לא אחר ללכת עמדי ולבוא אל חדרו אשר בחצר הפנימית, ויראיתי והנה הוא מלא פסילים רבים ואלילים שונים, אשר תאר פניהם הנוראים מעורר אימה וזועה בלב המביטים עליהם. פסל זה אוחז תבנית השמש בידו, ופסל השני אוחז את תבנית הארץ בין שניו הגדולות, ועליהם עמד פסל אחד בעל שני ראשים הרוכב על ארי פרא ותנין נורא בידו, ואבי שלח אצבע ויאמר: „ראה בני את האלהים האלה אשר עשו בחכמה גדולה את כל המעשים הרבים והעצומים, ידיהם ידים נעלמות, עיניהם עינים נעלמות,

---

זיך אוים וויא גארנישט, איז אללעס בעשאפען געווארען".

אונ איך הערענדיג זיין אנטוואָרט וואס ער האט אין מיר דערוועקט אגרויס געלעכטער. האב איך איהם געבעטין, דאס ער זאלל מיר אין זיין הויז צייגען דעם גאט, אונ ער האט זיך נישט געזוימט צו געהן מיט מיר אונ צו קוממען אין זיין צימער וואס איז אין אינווענדיגען הויף, אונ איך האב געזעהען דאס ער איז פולל מיט פיעל אבגאטטער אונ פערשידענע בילדער, וואס דער געשטאלט פון זייערע שרעקליכע געזיכטער דערוועקט אשרעק אונ אשאדערנים אין הארץ פון דיא וואס קוקען אויף זייא. דער אבגאט האלט דיא זונן אין זיינע האנד, אונ דער צווייטער אבגאט האלט דעם ערדקוגעל צווישען זיינע גרויסע ציין, אונ איבער זייא איז געשטאנען איין אבגאט מיט צווייא קאפף אונ ער רייט אויף א ווילדען לייב אונ א שרעקליכער שלאנג אין זיינע האנד, אונ מיין פאטער האט אויסגעשטרעקט זיין פינגער אונ האט געזאגט: „זעה מיין זוהן דיא געטטער וואס זייא האבען מיט א גרוים קלוגשאפט געמאכט דיא אללע פיעלע אונ שטארקע ווערק, זייערע הענד זענען פערהוילטע הענד, זייערע אויגען זענען פערהוילטע אויגען, אונ זייער רעגירונג איז אימער פערשפרייט אויף יעדען לעבענדיגען

וממשלתם פרושה תמיד על כל חי ועל כל יציר הנמצא בשמים ובארץ בימים וכל הנהרות, ורק הכהנים הקדושים המה רואים את הנפש החיה השוכנת בפסילים אלה, ואזניהם השונות מאזניגו שומעות את הקול היוצא חרישי מפיהם".

ובעת דבר אבי דברי הבל אלה, התעוררו בקרבו רגשי קודש ויפול מלא קומתו ארצה וישתחוה לפני האלילים ביראה ופחד, ומנהמת לבו אמר: „אלילים קדושים! אלילים גדולים! פִּתחו נא בידיכם הנעלמות את אוצרות מרום, ותריקו לי ולכל אנשי ביתי ברכה וישע חיים וכל טוב, לבעבור אוכל לעבדכם ברב עונג ועליצת נפש, גם תפקחו עיני בני העומד לפניכם ויראה קדושתכם ולבבו לא יסור מכם כל ימיו"

---

אונ אויף יֶעדֶען בֶּעשֶׁעפֶּענִים וָואס גֶעפִינְט זיך אִין הִימֶעל אונ אויף דִיא עֶרְד אִין דִיא מֶעעֶרִין אונ אִין אַלֶע טַייכֶען, אונ נוּר דִיא הֵיילִיגֶע גֵייסְטְלִיכֶע זֶעהֶען דֶעם לֶעבֶּענְדִיגֶען גֵייסְט וָואס רוּהְט אִין דִיא גָאטְטֶער, אונ זֵייעֶרֶע אויעֶרִין וָואס זֶענֶען אַנְדֶערְס פוּן אוּנְזֶערֶע אויעֶרִין הֶערִין דִיא שְׁטִימֶע וָואס גֶעהט שְׁטִילל אַרוֹיס פוּן זֵייעֶר מוֹיל".

אונ אִין דִיא צַייט וָואס מַיין פָאטֶער הָאט גֶעשְׁפְּרָאכֶען דִיא נַארִישֶׁע וֶוערְטֶער, הָאבֶּען זִיךְ אִין אִיהם דֶערְוֶועקְט הֵיילִיגֶע גֶעדַאנְקֶען, אונ אִיז מִיט אֵיינְמָאהל אַנִידֶער גֶעפַאלֶען אויף דִיא עֶרְד אונ הָאט זִיךְ גֶעבִּיקְט פַאר דִיא אָבְּגֶאטְטֶער מִיט אַנְגְם אונ שְׁרֶעק, אונ פוּן דֶעם בְּרִימְמוּנְג פוּן זַיין הַארְץ הָאט עֶר גֶעזָאגְט: „גְרוֹיסֶע גֶאטְטֶער! עֶפֶענְט אַזוֹיא גוּט מִיט אִיהרֶע פֶערְהוֹילְטֶע הֶאנְד דִיא אוֹצְרוֹת פוּן הִימֶעל, אונ אִיהר זָאלְט לִיפֶערְן צוּ מִיר אונ צוּ אַלֶע מֶענְשֶׁען פוּן מַיין הוֹיז גְלִיק אונ הִילְף לֶעבֶּען אונ אַלֶעס גוּטֶעס, אִיךְ זָאלל אַיךְ קָאנֶען דִינֶען מִיט פִיעל פֶערְגֶענִיגֶען אונ אַפְרֵיילִיכֶען מוּטְה, אויךְ זָאלְט אִיהר עֶפֶענֶען דִיא אויגֶען פוּן מַיין זוּהְן וָואס עָר שְׁטֶעהט פַאר אַיךְ דָאס עֶר זָאלל זֶעהֶען אַייעֶר

אני שמתי עיני על אבי השוכב סרוח על הרצפה כמו משתגע אשר עורקי מוחו נתקו ממקומם, ומאד חרה אפי עליו בראותי כי בקומו נשק את כל פסל ופסל באימה וכבוד גדול מאד, ואני עזבתי אותו והלכתי אל חדר אמי ואמרתי לה: „הנה זה עתה הראני אבי את האלילים הרבים אשר בחדרו וקדושתם בעיניו גדולה היא עד מאד, לכן אמי אהובתי קחי נא בעדי גדי אחד ועשי מבשרו מטעמים טובים, ואני אביאם בידי לפני האלילים האלה למנחה, והיה באכלם אותם אמצא חן בעיניהם".

ואמי הקשיבה בקשתי ברצון, ותמהר לעשות מטעמים טובים מבשר גדי רך, ואני הבאתי את המטעמים האלה לפני

---

הייליגקייט, אונ זיין הארץ זאלל נישט ווערין אבגעטוהען פון אייך אין זייגעם גאנצען לעבען".

איך האב מיינע אויגען געגעבען אויף מיין פאטער וואס ליגט אויסגעצויגען אויף דיא פאדלאגע אזויא וויא א פעריקטער וואס דיא נערווען פון זיין מוח זעננען אוועקגערוקט פון זייער ארט, אונ מיין פערדרום איז אויף איהם זעהר גרוים געוועזען זעהענדיג דאס וויא ער איז אויפגעשטאנען האט ער יעדען אבגאט געקושט מיט שרעק אונ מיט זעהר אגרויסע עהרע, אונ איך האב איהם פערלאסט אונ בין מיר געגאנגען אין מיינע מוטטערס צימטער אריין אונ האב איהר געזאגט: „ווירקליך יעצט האט מיין פאטער מיר געציינט דיא אללע פיעלע אבגאטטער וואס אין זיין צימטער, אונ זייער הייליגקייט איז זעהר גרוים אין זיינע אויגען, דארורך ליעבע מוטטער נעם גוטיגסט פאר מיר איין קאזעלע אונ מאך פון זיין פלייש גוטע שפייזע אונ איך וועלל זייא אייגענהאנדיג ברענגען פאר דיא אבגאטטער אלס אפפער, אונ ווי זיי וועללען דיא שפייזע עססען וועלל איך אין זייערע אויגען געפונגען חן".

אונ מיינע מוטטער האט גערן פערנוממען מיין געבעט, אונ זיא האט שנעלל געמאכט גוטע שפייזע פון דעם פלייש פון א יונגעם

האלילים, וראיתי והנה גם אליל אחד לא ישלח יד ולא יפתח פה שאכול מהמטעמים אשר הבאתי, ואמרתי אולי לא ישרו המטעמים האלה בעיניהם, ובקשתי את אמי שנית, כי תעשה מטעמים יותר טובים וגדולים מהקודמים, ותמהר לעשות מטעמים חדשים מבשר שלשה גדיים יקרים, ותתן אותם בידי, ואני הבאתים מהרה לפני האלילים, וישבתי אצלם כל היום, ונוכחתי יותר לדעת, כי האלילים האלה הנה הגם כמו האבנים אשר בהרצפה, אשר באלה כמו באלה לא נמצא רוח חיים, ואז נכמרו רחומי יותר על רבבות אלפי בני דורי, ומה גם על אבי ואמי, ההולכים אחרי ההבל הזה בעינים עצומות, וקראתי אז מנהמת

---

קאזעלע, אונ איך האב דיא שפייזע געבראכט פאר דיא אבּ־גאטטער, אונ איך האב געזעהען דאס אויך איין אבגאט שטרעקט נישט אוים זיין האנד אונ עפענט נישט זיין מויל צו עססען פון דיא שפייזעם וואס איך האב געבראכט, אונ איך האב געטראכט פיליייכט געפעללען נישט דיא שפייזעם אין זייערע אויגען, האב איך מיינע מוטטער דאס צווייטע מאהל געבעטין דאס זיא זאלל מאכען בעססערע שפייזעם אונ גרעססערע פון דיא פאריגע, אונ זיא האט זיך געהיילט צו מאכען פרישע שפייזע פון דעם פלייש פון דריא טהייערע קאזעלעך אונ זיא האט זייא געגעבען אין מיינע האנד, איך האב זייא געבראכט שנעלל פאר דיא אבגאטטער, אונ בין בייא זייא געזיטצען איין גאנצען טאג, אונ האב מיך איבער־צייגט צו וויססען, דאס דיא אבגאטטער זענען ווירקליך וויא דיא געפלאסטערטע שטיינער פון דיא פאדלאגע, וואס אין דיזע גראדע וויא אין דיזע געפונט זיך נישט קיין לעבהאפטיגען גייסט, אונ דאמאלס האט זיך אין מיר מעהר דערוועקט מיין ערבארמקייט אויף דיא צעהנטויזענדער מענשען פון מיין דור, וויא נאך אויף מיינעם פאטער אונ מוטטער, וואס זייא געהען נאך דעם נארישקייט מיט פערמאכטע אויגען, אונ איך האב דאמאלס גערופען פון דעם

לבי הכואב: „הוי על שנות אבי ואמי! אבוי על בני דורי! רוח שגעון התגנב בקוץ ממאיר בקרבם, להאמין באלילי הבל ופסילי תהו, המחוטבים מעץ רקב ואבן חול, אשר אין בהם גם הכשרונות הנמצאים בפרעושים וזוחלי עפר. איך הועבו עיני השרים, ואיך נחשכו עפעפי הרוזנים מראות, כי האל הנאמן היושב בשפרירי מרום ישחק עליהם, בתתם כבוד אלהים לעצים ואבנים הקרוצים וחצובים בידי בני תמותה, ועשוים בכלי מחצב אשר החרשים עושים בהם מצבות זכרון על קברי המתים?"

ואז לבשה אותי רוח אלהים, ומהרתי לקחת שני קרדומות בידי, ושברתי לרסיסים את כל הצלמים והפסילים אשר עמדו

---

ברוממונג פון מיין שמערצליכען הארץ: „וועה צו דיא יאהרען פון מיין פאטער אונ מוטטער! וועה צו דיא קינדער פון מיין דור! א פעריקטער גייסט האט זיך פערגנבט וויא א פערפלוכטער דארן אין זייא, צו גלייבען אין דיא נארישע אבגאטטער אונ דיא פוסטע בילדער, וואס זענען געמאכט פון פערפוילט האלץ אונ זאמד־שטיינער, וואס עס געפינט זיך נישט אין זייא אויך דיא פעהיגקייטען וואס געפונען זיך אין דיא פלייא אונ דיא וואס קריכען אויף דיא ערד. וויא אזויא זענען פערוואלקענט געווארען דיא הערענס אויגען? אויך וויא אזויא זענען פערפינסטערט געווארען דיא ברעהמען פון דיא גראפין ניכט צו זעהען דאס דער ריכטיגער גאט וואס זיצט אין דיא שיינע הימלען טוהט אוים זייא לאכען, מיט זייער געבען א גאטליכע עהרע צו העלצער אונ שטיינער וואס זענען געהוילט אונ געהאקט דורך דיא שטארבליכע מענשענס האנד, אונ זענען געמאכט מיט דיא זעלבע כלים וואס דיא מייסטערס מאכען מיט זייא מצבות אויף דיא קברים פון דיא טויטע?"

דאמאלס האט מיך אנגעקליידעט א גאטליכער גייסט, אונ איך האב זיך געהיילט צו נעמען אין מיינע האנד צוויא העק, אונ איך האב צובראכען אויף שטיקער דיא אללע אבגאטטער אונ

בחדר אבי, רק את האליל הגדול השארתי ולא הנפתי עליו גרזן, ונתתי בידיו את הקרדומות האלה, ויצאתי מן החדר עלז ושמח.

ויהי כאשר בא אבי החדרה לקול מהלומות הקרדומות ומפץ שברי הצלמים, והנה פלצות גדולה אחזתו, ואימה חשכה נפלה עליו, ידיו רעדו מאין הפוגות, רגליו התנועעו בלי מרגוע, עיניו התחלחלו בחוריהן הממולאים בדמעות, בראותו הפסילים מפוזרים ומונחים כשברי חרש על הרצפה ואין בהם מתום, והקרדומות שלופים בידי האליל הגדול, ולולא ראה אבי את המטעמים הראשונים והאחרונים אשר השארתים שמה, אז האמין

---

אללע בילדער וואס זענען געשטאנען אין מיין פאטערס צימער, נור דעם גרויסען אבגאט האב איך איבערגעלאסט און איך האב אויף איהם ניש׳ט אויפגעהויבען די האק, און איך האב אין זיינע האנד די העק געגעבען, און איך בין מיר ארויס געגאנגען פון צימער לוסטיג און פריליך.

און ווי מיין פאטער איז אריין געקומען אין צימער הערענדיג די קלאפף פון די העק און דאס שפאלטונג פון די צובראכענע בילדער, האט איהם אנגעטאפט אגרויס ציטערניס, און א שרעקליך פינסטערניס איז אויף איהם געפאלען, זיינע האנד האבען געציטערט אהן אויפהערונג, זיינע פיס האבען זיך געשאקעלט אהן רוהע, זיינע אויגען האבען זיך געווארפען אין זייערע לעכר וואס זענען פולל מיט טרערין, ווי ער האט געזעהען די אבגאטטער זענען צושפריים און ליגען ווי צובראכענע שארבעלעך אויף די פאדלאגע און עס איז אין זיי ניש׳ט דא איין גאנצעס, און די העק זענען אויסגעשטרעקט אין די האנד פון דעם גרויסען אב־גאט. און ווען מיין פאטער זאלל ניש׳ט זעהען די ערשטע און לעצטע שפייזעס וואס איך האב זיי דארט איבערגעלאסט, וואלט ער דאמאלס געגלייבט דאס דער גרויסער אבגאט האט זיי דאס

כי האליל הגדול הזה עשה בהם שפטים מטעם כמוס עמדו, אך בראותו את המטעמים האלה, הבין, כי אך ידי היתה במעל הזה, ולכן התלקחה אש נקם בכל עורקיו, וכלביא רץ אל הבית אשר ישבתי בו אז, ובראותי את פניו הבוערים כלפידים, יראתי כי בא להרגני, וכה דבר אלי בקצף נורא: „איך העז העזת פרעוש קטן, לשלוח יד באלילים הקדושים בעיני רבבות אלפי חכמים ונבונים מלכים ונסיכים? הלא חִיַבְתָּ ראשך למלכנו הנעלה, העובד את האלילים האלה בכל לבו ונפשו? מי יצילך עתה מחרבו המרוטה, ומי יושיעך מאש הכבשן?"

ואנכי עניתי לו בלשון רכה אשר התרוצצה בפי ביראה

---

גֶערִיכְטֶעט דוּרְךְ אַ אוּרְזַאכֶע וָואס אִיז בַּייא אִיהם אִין גֶעהַיים, נוּר זֶעהֶענְדִיג דִיא שְׁפַּייזֶע, הָאט עֶר פֶּערְשְׁטַאנֶען, דָאס נוּר מַיינֶע הַאנְד אִיז אִין דֶעם פֶּעלְשׁוּנְג גֶעוֶועזֶען, דַאדוּרְךְ הָאט אָנְגֶעהֵייבֶּען צוּ פְלַאקֶערְן אַ פַייעֶרְדִיגֶע רַאכֶע אִין אַלֶע זַיינֶע גֶעדֶערִן, אוּנ וִויא אַ לֶעמְפֶּערְט אִיז עֶר גֶעלָאפֶען אִין דֶעם צִימֶער וָואס אִיךְ בִּין דַאמָאלְס גֶעזִיצֶען, אוּנ וִויא אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהֶען זַיין גֶעזִיכְט פְלַאקֶערְט וִויא שְׁטָאלְקַאצֶען, הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁרָאקֶען דָאס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען מִיךְ טֵייטֶען, אוּנ עֶר הָאט אַזוֹיא גֶעשְׁפְּרָאכֶען מִיט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶען צָארְן: „וִויא אַזוֹיא הָאסְט דוּא קְלֵיינֶער וָוארְם גֶעוַאגְט דֶעם שְׁטָאלְץ אוֹיס צוּ שְׁטְרֶעקִין אַ הַאנְד צוּ דִיא אָבְּגֶעטֶער וָואס זַייא זֶענֶען הֵיילִיג אִין דִיא אוֹיגֶען פוּן טוֹיזֶענְדֶער חֲכָמִים אוּנ פִילָאזָאפֶען קֶענִיגֶע אוֹיךְ גְרֶאפִין? דוּא הָאסְט דַיין קָאפְּ בֶּעשׁוּלְדִיגְט צוּ אוּנְזֶער גֶעעֶהְרְטֶען קֵייזֶער, וָואס עֶר דִיענְט דִיא זֶעלְבֶּע גֶאטֶער מִיט זַיין הַארְץ אוּנ זֶעעלֶע! וֶוער וֶועט דִיךְ יֶעצְט אַרוֹיס רֶעטְמִין פוּן זַיינֶע שַׁארְפֶע שְׁוֶוערְד? אוּנ וֶוער וֶועט דִיר אַרוֹיסְהֶעלְפִין פוּן דֶעם פַייעֶר פוּן קַאלְכְאוֹיפֶען?"

אוּנ אִיךְ הָאבּ אִיהם גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ וֵוייכֶע צוּנְג וָואס זִיא הָאט אִין מַיין מוֹיל גֶעצִיטֶערְט פוּן שְׁרֶעק אוּנ אַנְגְס: „מַאךְ

ואימה: „שכך נא אבי יקירי את כעסך הנורא, ודע, כי לא יד
בנך היתה במעל הזה, ולא אצבעות פרי בטנך נגעו בהם לרעה,
אך בהביאי המטעמים לפני האלילים הקדושים האלה, שלחו
כלם את ידיהם לקחת מהם לאכול, וכראות האליל הגדול את
עזותם ופחזותם לקחת מהמטעמים בטרם יקח הוא מהם, חרה
אפו עליהם עד מאד, וילך ויקח בחפזון גדול את הקרדומות
בידו וישברם לרסיסים. ומקול בכיתם אחזני כמעט השבץ,
ויראתי פן אהיה גם אני בנופלים, הגד נא לי אבי בידי מי מצאת
את הקרדומות?"

ואבי שחק ובכה יחד על תשובתי הבדויה הזאת הנאמרה
בערמה להוציא אור האמת מחשבת הבערות, ויוסף דבר אלי

---

גומינסט שטילל טהייערער פאטער דיין שרעקליכען צארן, אונ
זאלסט וויססען דאס ניכט דיין זוהנ'ס האנד שטעקט אין דעם
פעלשונג, אונ ניכט דיא פינגער פון דיין קינד האבען אנגערירט אין
זייא צום שלעכטען, נור וויא איך האב דיא שפייזען געבראכט פאר
דיא היילינע גאטטער, האבען זייא אללע אויסגעשטרעקט זייערע
האנד צו נעממען פון זייא צום עססען, אונ וויא דער גרויסער
אבגאט האט געזעהען זייער שטאלץ אונ זייער אונגעלאססענהייט צו
נעממען פון דיא שפייזען איידער ער נעמט פון זייא, האט זיין
צארן זעהר געפייערט אויף זייא, אונ ער איז געגאנגען אונ האט
שנעלל גענוממען דיא העק אין זיינע האנד אונ האט זייא אויף
שטיקקער צובראכען, אונ דורך זייער געוויין האט מיך בענויא
אנגעחאפט דיא קרעמפפען, אונ איך האב געשראקען פיל לייכט
וועלל איך אויך זיין צווישען דיא געפאללענע. זאג מיר פאטער
אין וועהמאנס האנד האסט דוא דיא העק געפונגען?"

אונ מיין פאטער האט צוזאממען געלאכט אונ געוויינט אויף
מיין אויסגעטראכטען אנטווארט וואס ער איז פלייסיג מיט פאלשקייט
געזאגט געווארען ארום צו ציהען דיא ליכטינקייט פון אמת פון

בהמה עזה: „היש באלילים האלה נפש פעלת כי יעשו ככל אשר אמרת? איך העזת שנית להונות את צור ילדך בלשון שקר ולהפיח כזב, כי האליל הגדול שבר וינפץ לרסיסים את האלילים הקטנים העומדים בצלו זה הרבה שנים ושלום ביניהם? אתה רק אתה לבדך שברתם, ובערמה נתת הקרדומות בידי האליל הגדול להתעות אותי בשקר ותרמית, אתה נבראת לחלל את כבודי בארץ, ונאלץ אנכי להמיתך בחרב או בקרדומות האלה הנתונים בידי האליל הגדול בטרם יודע הדבר למלך".

ואני עניתי לו בנחת ובלב אמיץ, ואמרתי: „אם נתת תודה במו פיך, כי האלילים האלה אינם רק גולמים שפלים בלא נפש

---

דעם פינסטערן נארישקייט, און ער האט ווייטער געשפראכען צו מיר מיט א שטארקען צארן: „צו עס געפונט זיך דען אין דיא גאטטער א לעבהאפטיגער גייסט דאס זייא זאללען מאכען אללעם וואס דוא האסט געזאגט? וויא אזויא ביסט דוא שוין דאס צווייטע מאהל אזויא פערשייט צו גענארען מיט א פאלשע צונג דעם וואס האט דיך געבוירען און צו ריידען ליגענד, דאס דער גרויסער אבגאט האט צובראכען און צושמעטערט אויף שטיקקער דיא קליינערע אב־גאטטער וואס זייא שטעהען שוין אין זיין שאטטען פיעל יאהרען און עס איז צווישען זייא שלום? נור דוא נור דוא זעלבסט האסט זייא צוברָאכען, און מיט פאלשקייט האסט דוא דיא העק ארייןגעשטעקט אין דעם עלסטען אבגאטס האנד צו גענארען מיך מיט ליגענד און פאלשקייט! דוא ביסט בעשאפען געווארען אויף דיא וועלט צו פערשוואכען מיין עהרע, און איך בין געצווינגען צו טייטען דיך מיט א שווערד אדער מיט דיא זעלבע העק וואס זייא ווענען געגעבען געוואָרען אין דעם עלסטען אבגאטס האנד איידער דער קייזער וועט פון דעם געוואהר ווערין".

און איך האב איהם לאנגזאם מיט א פעסטע הארץ געענטפערט און געזאגט: „ווען דוא האסט מיט דיין אייגען מויל מודה געוועזען,

ורוח, ואין בהם כח לעשות שמץ דבר, איך מלאך לבך לתת למו כבוד אלהים ולעבדם ברגשי קודש? האם יעמידו לך רוח והצלה בעת צרה? אם יכרו אזן קשבת לתפלתך לפניהם? האם יהיה אחד מהם לך למגן וצנה בפני שונאיך? הלא הבושה תכסה כענן חושך פני ראש שרי המלך כמוך, אשר יחליף וימיר כבוד אלהי הצבאות ואדון שמים וארץ, בתבנית אלילי עץ ואבן, עצבי זהב וכסף, אשר לא יראו ולא יאזינו, לא ילכו ולא יעשו מאומה? הגד לי נכוחה, היש כח לאלילך הגדול להניע אצבע ולגרש את הזבוב העומד על אפו להקיא גללי צואתו? הלא ידעת אבי יקירי בגלל מה הביא שדי את מי המבול להשחית את כל ברוא·

---

דאס דוא אבגאטטער וענגען נישט מעהר וויא דיא נידריגע שקעלעטין אהן א זעעלע אונ אהן א גייסט, אונ עס איז נישט אין זייא קיין קראפט צו טוהען דיא מינדעסטע זאך, וויא אזויא האט דיך דיין הארץ ערלויבט צו געבען זייא א גאטליכע עהרע אונ צו דיענען זייא מיט היילינגע געוויססען? צו זייא וועללען דיר צו שטעללען א הילף אונ א רעטטונג אין דיא שלעכטע צייט? צו זייא וועללען גראבען א הערענדיג אויער צו דיין געבעט פאר זייא? צו איינער פון זייא וועט זיין צו דיר וויא א שיטץ אונ א פאנצער פאר דיינע פיינד? דיא שאנדע בעדעקט דאך וויא א פינסטערער וואלקען דאס געזיכט פון א עלסטען איבער דעם קייזערס הערען וויא דוא, וואס ער טוישט אונ וועקסעלט איבער דעם כבוד פון דעם גאט וואס איז איבער אללע הערשאפטען אונ דער הערר פון דיא הימלען אונ דיא ערד, מיט דיא בילדער פון האלצענע אונ שטיינערנע אבגאטטער, גאלדענע אונ זילבערנע סאמבאלען וואס זעהען נישט אונ הערין נישט, געהען נישט אונ טוהען גישט דאס מינדעסטע? זאג מיר ריכטיג, צו דיין גרויסער אבגאט האט קראפטען צו שאקלען מיט א פינגער אונ צו פערזאגען דיא פליג וואס שטעהט אויף זיין נאז אוים צו שפייען זיין אונריינקייט? דוא ווייסט דאך

חלד ! יען עבדו לעץ ואבן כמוך , ועזבו את מצות אדון התולדה , ואתה הַקשה את ערפך ותעבוד עד זקנה ושיבה למעשה ידי בן תמותה, ולא תבין כי תעורר בזה חרון אף אלהי האלהים , אשר יראה בעיניו הבהירות כל סתום וכל חתום ? לכן אבי מחמדי חוסה נא על נפשך המשכלת ועזוב מהרה את ההבל הזה בעוד מועד , בטרם ישפוך אלהים את חמתו בצדק ובמשפט עליך ועלינו , קבץ נא רעיוניך וחקור היטב בפלאי יה , אז תוכח לדעת כי אין אלהים זולת אלהי העברים הנערץ והנקדש השוכן ברקיע עוז ומנהיג את כל היצירה כלה בדברו".

ויהי בדברי את הדברים הנכונים האלה באזני אבי , בא

---

טהייערער פאָטער פאַר וואָס האָט דער אַלמעכטיגער גאָט געבראַכט דעם מבול צו פערניכטען אַללע בעשעפעניססען פון דיא וועלט ? ווייל זייא האָבען געדינט צו האָלץ אונ שטיין וויא דוא , אונ זייא האָבען פערלאָסט דעם געבאָט פון דעם העררן פון דיא נאַטור , אונ דוא מאַכסט האַרט דיין נאַקען אונ דיענסט ביז דיין עלטער צו אַ שטאַרבליכען מענשענס אַרבייט , אונ דוא פערשטעהסט נישט דאָס דוא וועסט מיט דעם דערוועקען דעם צאָרן פון דעם גאָט איבער אַללע געטטער , וואָס ער זעהט מיט זיינע קלאָהרע אויגען יעדען געהיים אונ יעדעס פערבאָרגענים ? דאַדורך גלוסטיגער פאָטער ערבאַרם דיך אויף דיינע קלוגע זעעלע אונ פערלאָס שנעלל דאָס נאַרישקייט קוים דוא האָסט נאָך צייט , איידער גאָט וועט מיט ריכטיגקייט אונ עהרליכקייט אויסגיססען זיין צאָרן אויף דיר אונ אויף אונז . נעם צוזאַממען דיינע געדאַנקען אונ קלעהר גוט אַריין אין גאָטטעס־וואונדער , דאַמאָלס וועסט דוא דיך איבערצייגען אונ וויססען דאָס עס גיבט נישט קיין גאָט אויסער דער יודישער גאָט דער שטאַרקער אונ געהייליגטער וואָס רוהט אין זיין שטאַרקען הימעל אונ פירט מיט זיין וואָרט דיא גאַנצע נאַטור".

אונ וויא איך האָב דיא עהרליכע ווערטער געשפּראָכען אין

אחד מפקידי המלך הביתה ויקרא את אבי אל מקום אספת השרים כי יתן עצה נחוצה בעניני המלכות . ואני לא התמהמהתי ימהרתי ללכת אל החדר אשר האלילים הנשברים שוכבים שמה, ולקחתי הקרדום ושברתי גם את האליל הגדול אשר השארתיו . ויהי כבוא אבי שנית החדרה וראה את אשר הוספתי לעשות, לא יכול להתאפק וילך אל המלך נמרוד בחיל ורעדה, ויספר באזניו את המעל הגדול אשר מעלתי בזדון לאליליו הקדושים . שרי המלך הבהילו והביאו אותי בחפזון גדול לפני המלך בעת שבתו על כסא מלכותו, ובין השרים אשר ישבו סביבו הכרתי את פני אבי הזועפים עד למאד, והמלך דבר אלי רתת איך לא יראתי לשלוח יד ולשבור את האלילים הקדושים, ואני עניתי

---

מיין פאטערס אויערן, איז אריין געקוממען אין צימער איינער פון קייזערס דינערס אונ האט גערופען מיין פאטער אויף דעם ארט פון דיא מיניסטארענס־צוזאמענקונפט, דאס ער זאלל געבען א נייטיגע עצה אין דעם קייזערליכען פאליטיק, אונ איך האב מיך גישט אויפגעהאלטען צו געהן שנעלל אין דעם צימער וואס דיא צובראכענע אבגאטטער ליגען דארט, אונ האב גענוממען דיא האק אונ האב אויך צובראכען דעם גרויסען אבגאט וואס איך האב איהם איבערגעלאסט, אונ וויא מיין פאטער איז דאס צווייטע מאהל אריין געקוממען אין צימער אונ האט דערזעהען וואס איך האב נאך צו געטוהען, האט ער זיך נישט געקאנט איינהאלטען אונ מיט ציטערניס אונ אנגס איז ער געגאנגען צום קייזער, אונ האט אין זיינע אויערין ערצעהלט דאס גרויסע פעלשונג וואס איך האב געפעלשט פלייסיג צו זיינע היילינע אבגאטטער, דיא קייזערליכע הערין זענען דער־ שראקען געווארען אונ האבען מיך שנעלל געבראכט פאר דעם קייזער אין דיא צייט וואס ער איז זיך געזעסען אויף זיינע קייזערליכע שטוהל, אונ צווישען דיא הערען וואס זענען ארום איהם געזעסען האב איך דערקאנט מיין פאטערס צארנדיגע געזיכט, אונ

לו בשאט נפש כי לא אני רק האליל הגדול שבר בחמתו את האלילים הקטנים ממנו על אשר מהרו לחטוף מהמטעמים אשר הבאתי פעמים לפניהם ולא חכו עליו. והמלך גער בי ויבעט ברגליו באמרו, כי אפס כח באלילים לעשות זאת.

אז מצאתי און לי לדבר גבוהה: „אם האלילים האלה חסרי כח ונעדרי חיל המה, מדוע תעבדו אותם ברגשי קודש כאלהים, הלא טוב לכם לעבוד במקומם את אלהי השמים והארץ אשר ברצונו הגיחה הבריאה כלה מרחם התכלית וידו הנעלמה מעין בשר תמשול תמיד על כל היקום? שומו שמים! הלא עון מלך אדיר כמוך גדול הוא מנשוא יען לא תמהר לגרש מארצך את

---

דֶער קֵייזֶער הָאט צוּ מִיר זֶעהר בֵּייז גֶעשְׁפְּרָאכֶען, וִויא אַזוֹיא אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעשְׁרָאקֶען אוּים צוּ שְׁטְרֶעקֶען אַ הַאנְד אוּנ צוּבְּרֶעכֶען דִיא הֵיילִיגֶע אָבְּגֶעטֶער? אוּנ אִיךְ הָאבּ אִיהם מִיט אַ שְׁטָאלְצֶען גֵייסְט גֶעעֶנְטְפֶערְט, דָאס נִישְׁט אִיךְ, נוּר דֶער גְרוֹיסֶער אָבְּגָאט הָאט מִיט זַיין צָארְן צוּבְּרָאכֶען דִיא קְלֵיינֶע אָבְּגֶעטֶער, וַוייל זֵייא הָאבֶּען פְרִיהֶער גֶעחַאפְּט פוּן דִיא שְׁפֵּייזֶע וָואס אִיךְ הָאבּ פַאר זֵייא צְוֵוייא מָאהל גֶעבְּרַאכְט אוּנ הָאבֶּען נִישְׁט גֶעוַוארְט אוּיף אִיהם. אוּנ דָער קֵייזֶער הָאט מִיךְ אָנְגֶעשְׁרִיגֶען אוּנ הָאט מִיט זַיינֶע פִּים גֶעקְאפֶּעט זָאגֶענְדִיג, דָאס עֶס אִיז אִין דִיא אָבְּגֶעטֶער נִישְׁט דָא קֵיין קְרַאפְט צוּ טוּהֶען דָאס.

דַאמָאלְס הָאבּ אִיךְ מִיךְ קְרֶעפְטִיג גֶעפוּנֶען צוּ רֵיידֶען מִיט שְׁטָאלְץ: „וֶוען דִיא אָבְּגֶעטֶער זֶענֶען אָהנֶע קְרֶעפְטוּנְג אוּנ אָהנֶע מַאכְטוּנְג, פַאר וָואס דִיעֶנְט אִיהר זֵייא מִיט הֵיילִיגֶע גֶעוִויסֶען וִויא גָאטֶער, עֶס אִיז דָאךְ אַייךְ לִיעבֶּער צוּ דִיעֶנֶען אוּיף זֵייעֶר אָרְט דֶעם גָאט פוּן הִימֶעל אוּנ עֶרְד, וָואס מִיט זַיין ווִילֶען אִיז דִיא גַאנְצֶע נַאטוּר פוּן גֶעהֵיים אַרוֹים, אוּנ זַיינֶע הַאנְד וָואס זִיא אִיז פֶערְהוּילֶען פוּן דֶעם מֶענְשְׁלִיכֶען אוֹיג רֶעגִיעֶרְט עֶוִויג אוּיף דֶעם גַאנְצֶען בֶּעשְׁטַאנְד? זַייט וִויסְט הִימְלֶען! דִיא זִינְד פוּן אַ הֶעלְדִישֶׁען

חשכת האמונה הכוזבת ההיא ולא תציל בכחך חיי ועתות אלפי עבדיך לבל יבלו מבחר שנותיהם בתהו ? הלא שמעת מלך יקר, כי המבול עשה שמות בארץ באשמת הרעים ובעון החטאים, אשר זדו לעשות כמעשיך אתה, ויעבדו אלילי הבל ועצבי כזב ? איעצך מלכי, כי לא תנום ולא תישן עוי תמהר להסיר אמונת האלילים בעוד מועד, בטרם יפתחו ארובות השמים וחרון אף ירד בעולם, השמר לך פן תהיה מדינתך בגלל זאת כמטרה לחצי הפגעים הרעים והמרים, אשר יחפוץ אלהי האמת לשלחם עליה, הדורות אשר יבואו אחריך יהללוך וישימו אותך על נס,

---

קייזער וויא דוא איז דאך צו גרויס צו דערטראגען, ווייל דוא פלייסט זיך נישט צו פערטרייבען פון דיינעם לאנד דיא פינסטערניס פון דיא פאלשע רעליגיע, אונ דוא רעטעסט נישט מיט דיין קראפט דאס לעבען אונ דיא צייטען פון דיינע טויזענדער קנאכט, דאס זייא זאללען נישט פערברענגען זייערע בעסטע יאהרען מיט פוסטקייט ? דוא טהייערער קייזער האסט דאך זיכער געהערט, דאס דער מבול האט גרויסע חורבות געמאכט אויף דיא וועלט דורך דיא שולד פון דיא שלעכטע מענשען, אונ דיא זינד פון דיא פערדארבענע חאראקטארען, וואס זייא האבען זיך געפלייסט צו טוהען וויא דיינע זאכען אונ האבען געדינט נארישע אבגעטטער אונ פאלשע בילדער ? איך ראטהע דיר קייזער דאס דוא זאלסט נישט רוהען אונ שלאפען ביז דוא וועסט זיך היילען צו פערניכטען דאס נארישע גלויבען אין דיא אבגעטטער קוים עס איז נאך דא צייט, איידער דיא הימלישע פענסטער וועללען געעפינט ווערין אונ דער בייזער צארן וועט נידערן אויף דיא ערד, זאלסט זיין פארזיכטיג דאס דיין לאנד זאלל נישט דורך דעם זיין וויא א ציעל צו דיא פיילען פון דיא שלעכטע אונ ביטערע צוקונפטען, וואס דער וואהרער גאט וויל זייא אויף איהר שיקקען דיא דורות וואס זייא וועללען נאך דיר קומען וועללען דאך לויבען אונ זייא וועללען דיך אויף א פאהן

אם תצליח לבער האלילים עם העצבים מן הארץ. גם דע בחכמתך, כי לא איש חי הרגתי, ושמץ דם לא שפכתי בחדר אבי, הלא רק פסלי עץ ואבן שברתי, אלילי הבל ותהו, אשר על ידיהם יאבדו רבבות אלפי חכמים את עתותיהם, ואת שמם ישאירו לדראון עולם, לחרפה ולכלמה, לכל הדורות הבאים, וצאצאיהם יבושו בזכרם, כי על ברכי הורים פתאים כאלה נולדו, הורים עורים מוכי סנורים, אשר לא ראו ולא הבינו תכלית שדי וישתחוו למעשה ידיהם".

האמונה באלילים אשר נשרשה עמוק בלב המלך נמרוד, הרתיחה את כל דמו אשר בעורקיו כאש מתלקחת עלי, כקבר פתח את

---

טראגען, ווען דיר ווערט לונגען אוים צו רייניגען דיא גאטטער מיט דיא סאמבאלען פון דיא וועלט. אויך זאלסט דוא מיט דיין פערשטאנד וויסען, דאס איך האב נישט קיין לעבענדיגען ערמארדעט, אונ איין טראפפען בלוט האב איך אין מיין פאטערס צימער נישט פערגאסען, נור האלצענע אונ שטיינערנע בילדער האב איך צובראכען, נארישע אונ פוסטע אבגאטטער, וואס דורך זייא פערלירען צעהנטויזענדער חכמים זייערע צייטען, אונ זייא לאססען איבער זייער נאהמען מיט א עוויגע שאנדע, בעשמוצט אונ פערשעהמט, צו אללע צוקונפטיגע דורות, אונ זייערע קינדער וועללען זיך שעהמען ווען זייא וועללען דערמאנען, דאס אויף דיא נארישע עלטערנס שוים זעננען זייא געבוירען, בלינדע פאטערס, געשלאגען מיט א פערבלענדונג, וואס האבען נישט געזעהען אונ נישט פערשטאנען דעם אלמעכטיגען גאטס צוועק, אונ האבען זיך געביקט צו זייערע אייגענע ארבייט".

דאס גלויבען אין דיא אבגאטטער וואס דאס איז זעהר טיעף איינגעווארצעלט געווארען אין דעם הארץ פון קייזער נמרוד, האט דאס גאנצע בלוט אין זיינע אדערין צוקאכט אויף מיר וויא א פלאקערדיגעם פייער, ער האט זיין מויל וויא א קבר געעפינט

פיו, ועד מהרה חרץ משפטי, להשליכני בבית האסורים הקשה. עבדיו מהרו לעשות רצונו, וכרגע הביאוני ביתה האסורים. שמה ישבתי עלז ושמח, ולמדתי את כל התורות אשר שמעתי מפי נח. ויהי בחצי הלילה, נגלה אלי מלאך אחד ויאמר: „אל תירא אברם ואל תחת מיד בן תמותה אשר ימיו חרוצים, אימת בשר ודם לא תבעתך כי הוא כמוץ נדף לפני סופה, אנכי מגן לך בכל שנות חייך, וגערתי בשטן לבל יתן לנגוע בך לרעה".

ובימי שבתי כה בבית הסהר, קרא המלך אליו את חכמיו ושופטיו, ויתיעצו יחד מה לעשות עמדי, אך באחרונה חרצו

---

אויף מיר, אונ האט מיך שנעלל פערארטהיילט, מען זאלל מיך אריין ווארפען אין א שוועהרען קערקער. זיינע קנאכט האבען זיך שנעלל געפלייסט צו טוהען זיין ווילען, אונ אין איין זעקונדע האבען זייא מיך אין קערקער געבראכט, דארט בין איך מיר פרייליך אונ לוסטיג געזיטצען, אונ האב געלערנט דיא אללע תורות וואס איך האב פון נח'ס מויל געהערט, אונ וויא עס איז האלבע נאכט געווארען, האט זיך צו מיר בעוויזען איין ענגעל אונ האט געזאגט: „אברם זאלסט נישט אנגסען אונ זאלסט נישט פארכטען פאר דיא האנד פון דעם שטערבליכען מענש וואס זיינע טאג זענען געצעהלט, דיא שרעק פון בלוט אונ פלייש זאלל דיך נישט דערשרעקקען ווייל ער איז וויא א פערשטויסענע פלעווע פון דעם שטארמווינד. איך שיטץ אויף דיר אין דיינעם גאנצען לעבען, אונ איך האב שוין אנגעשריגען דעם טייפעל דאס ער זאלל נישט לאססען דיך אנרירען צום שלעכטען"

אונ אין דיא טאג וואס איך בין מיר אזויא געזיטצען אין קערקער, האט דער קייזער גערופען זיינע קלוגע אויך זיינע ריכטערס, אונ זייא האבען צוזאממען א ראטה געהאלטען וואס עס איז מיט מיר צו טוהען, נור צום ענדע האבען זייא אויף מיר א ביטטערן ווירדאק ארויס געגעבען, מען זאלל אנצינדען אגרויס פייער

עלי משפט מר, להבעיר בערה גדולה שלשה ימים ושלשה לילות
בכבשן הגדול אשר בעיר כשדים ולהשליכני בתוכו.

הפקידים הבהילוני פתאום והוציאוני מבית כלאי, והובילוני
בחרפה ערום כיום הולדי אל מקום הכבשן, אלפי בני אדם
אנשים ונשים וטף, באו אל המקום ההוא, ורבים עמדו על
הגגות ועל המעקות ועל המגדלים, לראות אחרית האיש אשר
מַעַל ישבר האלילים הקדושים. ויהי כאשר ראוני החרטומים
אשר עמדו שמה אצל המלך, צעקו כלם מנהמת לבם ויאמרו:
„הלא זה הוא האיש אשר ביום הולדתו בבית תרח ראינו מלחמת
הכוכבים במרום, ומהרנו לגלות ביום המחרת את אזן המלך,
ועתה הלא נוכחנו לדעת ועינינו הרואות, כי תרח אביו החליף

---

אין קאלכאויפען אין דיא שטאדט כשדים דרייא טאג און דרייא
נאכט און מיך אריין ווארפען אין איהם.

דיא פאליציא האבען מיך פלוצלינג דערשראקען און האבען
מיך ארויס גענומען פון מיין קערקער און האבען מיך געפיערט
מיט שאנדע נאקעט וויא דעם טאג וואס איך בין געבוירען, צו
דעם ארט פון קאלכאויפען. טויזענדער מענשען מאנגער און פרויען
אויך קינדער זענען געקוממען צו דעם ארט, און פיעל זענען
געשטאנען אויף דיא דאכער און אויף דיא גאנקעס און אויף דיא
טארמען צו זעהען דעם סוף פון דעם מענש וואס האט געפעלשט
און צובראכען דיא היילינע אבגאטטער, און וויא דיא צויבער־
קונסטלערס וואס זענען דארט ביי דעם קייזער געשטאנען
האבען מיך דערזעהען, האבען אללע אנגעהויבען צו שרייען מיט
דעם ברוממונג פון זייער הארץ און האבען געזאגט: „דאס איז
דאך דער זעלבער מענש וואס אין דעם טאג וואס ער איז געבוירען
געווארען אין תרח'ס הויז האבען מיר געזעהען אויף דעם הימעל
דיא שטרייט פון דיא שטערין, און מיר האבען זיך געאיילט צו
ענטדעקען דאס אויף דעם מארגענדיגען טאג צום קייזער, און יעצט

אותו בילד אחר ויקח תמורתו הון עתק, שומו שמים! הלא אך ילד נקי הרגנו תחתיו!".

והמלך חרד חרדה גדולה לשמע השערוריה הזאת, ויצו בחרון אפו להביא לפניו מהרה את תרח אבי, ולא ארכו הרגעים והנה אבי עומד לפני המלך, ומדבר באזניו דברים קשים לאמר: „הבעד בנך נתתי כופר נפש או בעד ילד זנונים? אם לא תגיד עתה האמת תהיה אחריתך מרה עד מאד, ואם לא תכחד מאומה, חי ראשי! כי אעמיד לך רוח והצלה".

ואבי הודה עלי פשעו ויאמר: „מה יכולתי עשות אב החמלה צדתני כצפור ברשתה, ומאד נכמרו רחומי על בני

---

זענען מיר איבערצייגט געוואָרען צו וויססען אונ אונזערע אויגען זעהען, דאס זיין פאטער תרח האט איהם אויסגעטוישט מיט א פרעמד קינד, אונ האט פאר איהם גענוממען אגרויס פערמעגען. דיא הימלען ווערין וויסט! מיר האבען דאך אויף זיין אָרט געטייט אַ אונשולדיג קינד!"

דער קייזער האט געציטערט אגרויס ציטערניש הערענדיג דעם איבעררַאשונג, אונ האט מיט זיין צאָרן געהייסען מען זאלל פאר איהם שנעלל ברענגען מיין פאטער תרח, אונ נישט אין לאנגע מינוטען איז שוין מיין פאטער געשטאנגען פאר דעם קייזער, אונ ער האט אין זיינע אויערין געשפראָכען הארטע ווארטער: „צו פאר דיין זוהנ'ס לעבען האב איך בעצאהלט אָדער פאר אַ אונ־עהרליך קינד? ווען דוא ועסט מיר יעצט נישט זאגען דיא וואהרהייט וועט דיינע ענדע זעהר ביטטער זיין, אונ ווען דוא וועסט מיר נישט זאגען דיא מינדעסטע ליגענד, שווערע איך ביי מיינעם קאפף דאס איך וועלל דיר צו שטעללען אַ בעשערמונג אונ אַרעטטונג".

אונ מיין פאטער האט מודה געוועזען אויף זיין זינד אונ האט געזאגט: „וואס קאן איך דען טוהען ווען דאס ערבארמקייט

האהוב, ונתתי תמורתו את בני הנולד לי על ברכי שפחתי, להרגיע את רוחך ולהסיר מלבך הפחד והמורא אשר עוררו החרטומים בקרבך? ועתה בראותי כי בני זה שבר את האלילים ונפשו תתעב את דתנו, גליתי את אזנך במו־פי ולא חסתי על חייו ועל עצב אמו האוהבת אותו עד מאד?"

המלך שאל אותו, מי נתן לו העצה הזאת להחליף אותי בבן השפחה, ויאמר כי הרן אחי היה היועץ, ויצו המלך להשליך אותי יחד עם הרן אחי תוך כבשן האש. והפקידים מהרו והפשיטו את הבגדים מעלי ומעל הרן אחי, ויאסרו את ידינו ורגלינו

---

האט מיך וויא א פויגעל געפאנגען אין איהר געטץ, אונ מיין ערבארמקייט האט זיך זעהר ערוועקט אויף מיין זוהנ'ס לעבען, אונ איך האב אויף זיין ארט געגעבען מיין זוהן וואס מיינע דיענסט האט צו מיר געבוירען, צו בערוהיגען דיין גייסט אונ אבצוטוהען פון דיין הארץ דיא שרעק אונ דעם אנגס וואס דיא צויבערד קונסטלערס האבען אין דיין הארץ דערוועקט? אונ יעצט וויא איך האב געזעהען דאס דער זוהן מיינער האט דיא אבגאטטער צו־בראכען, אונ זיין גייסט פערדאמט דיא אונזערע רעליגיע, האב איך מיט מיין מויל ענטדעקט דיין אויער, אונ האט גישט חס געהאט אויף זיין לעבען אונ אויף דעם טרויערקייט פון זיינע מוטטער וואס זיא ליעבט איהם זעהר?"

דער קייזער האט איהם געפראגט, ווער עס האט איהם דעם ראטה געגעבען דאס ער זאלל מיך אויסטוישען אויף דיא דיענסטמס קינד. אונ ער האט געזאגט דאס מיין ברודער הרן האט איהם דעם ראטה געגעבען. האט דער קייזער געהייסען מען זאלל מיך צוזאממען מיט מיין ברודער הרן אריין ווארפען אין פייערדיגען קאלכאויפען. אונ דיא פאליציייא האבען זיך געאיילט אונ האבען פון מיר אונ פון מיין ברודער הרן אויסגעטוהען דיא קליידער, אונ האבען אונזערע הענד אונ פיס געבונדען מיט גראבע שטריק,

בחבלים עבותים, והשליכונו יחד תוך הכבשן הבוער. הרן אשר עבד גם הוא את האלילים, נשרף כרגע, וגויתו נהפכה עד מהרה לאפר, וממנו יצאה לשון אש, ותשרוף שנים עשר פקידים אשר השליכו אותי תוך הכבשן, ואחרי כן שרפה האש את החבלים אשר היו על ידי ועל רגלי, ובכל עור בשרי לא נגעה לרעה, ועבדי המלך ושריו ראו בעיניהם, והנה אנכי הולך שלו ושאנן בתוך הכבשן שלשה ימים ושלשה לילות, בכל מקום אשר דרכה כף רגלי, ברחה האש מפני, והשביבים נסוגו אחור. וירוצו הפקידים כאילים מוכים בתמהון, ויגידו למלך לאמר: „עינינו רואות והנה אברם בן תרח הולך וישוח בתוך הכבשן הבוער כמו בגן, ונפשו צהלה!".

---

אונ האבען אונז צוזאממען אריין געווארפען אין דעם ברענענדיגען קאלכאויפען. הרן ווייל ער האט אויך געדיענט דיא אבגאטטער איז ער אין איין זעקונדע פערברענט געווארען, אונ זיין קערפער איז זעהר שנעלל פערקעהרט געווארען אויף אש, אונ פון איהם איז ארויס א פייערדיגע צונג, אונ האט פערברענט צוועלף זעלנער וואס האבען מיך אריין געווארפען אין קאלכאויפען. נאכדעם האט דאס פייער פערברענט דיא שטריק וואס זיינען געוועזען אויף מיינע האנד אונ פיס, אונ דאס פייער האט ניט אנגעריהרט צו שלעכטין אין דיא גאנצע הויט פון מיין לייב. אונ דעם קייזערס קנעכט אויך זיינע הערען האבען מיט זייערע אויגען געזעהען, וויא איך געה מיר רוהיג אונ לאנגזאם אין קאלכאויפען דריי טאג אונ דריי נאכט, אויף יעדען ארט וואס מיין פוס האט געטרעטין, איז דאס פייער אנטלאפען, אונ דיא פונקען האבען זיך צוריק אבגעריקט. דיא דיענערס זיינען געלאפען וויא הירשען דערשלאגען מיט א פערוואונדערונג, אונ האבען דעם קייזער געזאגט: „אונזערע אויגען זעהען דאס אברם תרח'ס זוהן געהט אונ שפאצירט זיך אין ברענענדיגען אויפען וויא אין גארטען אונ זיין גייסט איז פריילייך!"

ויתמה המלך עד מאד על מוצא שפתם, וימהר לשלוח רבים משריו הגדולים והנאמנים לראות אם כנים דבריהם. וישיבו למלך דבר: „בעינינו ראינו את אברם הולך ערום בעליצת נפש בתוך האש, וגם אחד מחלקי גויתו לא היה לברות לשני הלהבה הנוראה". ויפג לב המלך, וישא את רגליו וירץ מהרה אל הכבשן, וירא, והנה אנכי הולך סמוך ובטוח בתוך הכבשן, ועורי אשר על בשרי הוא יפה כעור הילד השוכב שקט ושאנן בערשו. ויצו את עבדיו לשלוח יד חרוצים ולכבות עד מהרה את האש, ולהוציא אותי חי מתוך הכבשן, והפקידים לא יכלו לעשות מצותו, כי האש היתה גדולה ונוראה עד מאד. אז נער

---

דער קייזער האט זיך זעהר פערוואונדערט אויף זייער געשיכטע, אונ האט זיך געהיילט צו שיקקען פיעל פון זיינע גרויסע אונ טרייע העררען, צו זעהען אויב זייערע ווארטער זענגען ריכטיג. אונ זייא האבען דעם קייזער בענאכריכט: „מיר האבען מיט אונזערע אויגען געזעהען וויא אברם געהט נאקעט אין פייער מיט א פריילינען מוטה, אונ אויך איין אבר פון זיין קערפער איז נישט אויפגעפרעססען געווארען דורך דיא ציין פון דעם שרעקליכען פלאם". דעם קייזערס הארץ איז בענויא אוועק פון זיין ארט, אונ האט געהויבען זיינע פיס אונ איז שנעלל געלאפען צום קאלכ־אויפען, אונ האט געזעהען דאס איך געה מיר זיכער פעסט אין קאלכאויפען, אונ דיא הויט וואס איז אויף מיין לייב, איז שיין וויא דיא הויט פון דעם קינד וואס ליגט זיך רוהיג שטילל אין זיינע וויעג, ער האט זיינע קנאכט בעפוילען דאס זייא זאללען שטרעקען א פלייסיגע האנד אונ פערלעשען וויא אמשנעללסטען דאס פייער, אונ ארויס רעטטין מיך פון קאלכאויפען לעבענדיג, אונ דיא דיענערס האבען זיין בעפעהל נישט געקאנט טוהען. ווייל דאס פייער איז זעהר גרויס אונ שרעקליך געוועזען. דאמאלס האט דער קייזער אויף זייא געשריגען מיט זיין צארן, אונ זייא זענגען

בהם המלך בשצף קצפו, ויגשו שנית להשקיע את האש, והנה
פרצה הלהבה החוצה, ותשרוף את עור פניהם, וימותו שמונה
מהם לעיני המלך במכאובים נוראים.

אז נגש המלך אל פתח הכבשן, ויקרא אלי בקול גדול:
„שמע נא אברם בחיר אלהי השמים! עזוב נא את האש וצא
אלי החוצה!".

ואנכי בשמעי תהלת אלהי השמים יוצאת מפי המלך
העובד מנעוריו עצבים ואלילים, בכיתי מרוב שמחה, וששתי
עד מאד, יען על ידי נקדש שם אלהי הצבאות בשער בת
רבים, ויצאתי מתוך הכבשן כאיש היוצא עלז ושמח מגן פרחים,

---

דאס צווייטע מאהל צו געגאנגען פערלעשען דאס פייער, איז דער
פלאם ארויס פון אויפען, אונ האט פערברענט דיא הויט פון זייער
געזיכט, אונ אכט פון זייא זענען פאר דעם קייזערס אויגען
געשטארבען מיט שרעקליכע שמערצען.

דאמאלס איז דער קייזער צו געגאנגען צו דיא טיער פון
אויפען, אונ האט צו מיר גערופען מיט א גרויסע שטימע:
„זאלסט הארכען גוטיגסט אברם דער אויסערוויילטער פון דעם
גאט פון הימעל! פערלאס גוטיגסט דעם פייער אונ געה ארויס
אין דרויסען צו מיר!"

אונ ווייא איך האב געהערט ווייא דער לויב פון דעם גאט פון
דיא הימלען געהט ארויס פון דעם קייזערס מויל וואס ער דיענט
פון זיין יוגענד אן אבגאטטער אונ בילדער, האב איך פון גרויס
פרייד געוויינט אונ בין געווארען זעהר לוסטיג, ווייל דורך מיר איז
געהייליגט געווארען דער נאהמען פון דעם גאט פון אללע הערד־
שאפטען אויף א פובליטשנע ארט, אונ איך בין ארויס געגאנגען פון
קאלכאויפען גראדע וויא א מענש געהט ארויס לוסטיג אונ פריילך
פון א בלוהמענגארטען, אונ איך בין מיר העלדיש צו געגאנגען
צום קייזער, אונ ער האט מיך מיט גרויס וואונדער געפרעגט, צו

והלכתי מעדנות אל המלך. וישאלני בהמהון גדול, אם עצמותי ברזל ובשרי נחושה, כי לא שלטה בי האש, והלהבה הנוראה לא נגעה גם בצפורן אצבעי הקטנה? ועניתי לו רכות: „האלהים אשר בשמים, הוא שלח מלאכו לפני דגן עלי מפני האש, יען הכרתי ונוכחתי לדעתי הבל האלילים המתעתעים; ואולי יאבה אלהי הצבאות זה לרמוז את יצוריו מדרך עקלתון זה ולהורותם דעת עליון" ויוסף המלך לשאלני איה הרן אחי? ואני אמרתי לו בצחוק: „האלילים אשר עבד להם לא עצרו כח לגרש מפניו את האש, והנה שורף". אז נפל המלך ושריו ארצה, וישתחוו כלם לפני ברתת וחלחלה, ואני דברתי באזניהם קשות: „לא

---

מיינע ביינער זענען אייזען און אויב מיין פלייש איז קופּער דאס עס האט אין מיר נישט רעגירט דאס פייער און דער שרעקליכער פלאם האט נישט אנגערירט דעם נאגעל פון מיין קליינעם פינגער? און איך האב איהם ווייך געענטפערט: „דער גאט וואס איז אין הימעל ער האט געשיקט זיין מלאך פאר מיר צו שיטצען אויף מיר פון דעם פייער, ווייל איך האב ערקאנט און איך בין איבערצייגט געווארען צו וויסען דאס נארהייט פון די אבגאטטער וואס זייא פערבלאנדזשען מענשען, און פיליכט וועט דער גאט פון די הערשאפטען וועלען אוועק נייגען זיינע בעשעפעניסען פון דעם קרומען וועג און זייא לערנען די געטליכע חכמה".

און דער קייזער האט מיך ווייטער געפרעגט וויא איז מיין ברודער הרן? און איך האב איהם מיט געלעכטער געזאגט: „די אבגאטטער וואס ער האט צו זייא געדינט האבען קיינע קראפטין געהאט צו פערטרייבען פון איהם דעם פייער און ער איז פערברענט געווארען". דאמאלס איז דער קייזער מיט זיינע הערען געפאלען אויף די ערד, און זייא אללע האבען זיך פאר מיר געבוקט מיט ציטערנים און שוידערנים, און איך האב אין זייערע אויערען זעהר שארף געשפראכען: „איהר זאלט איך נישט בוקען

תשתחוו לבן תמותה, ולא תכרעו ברך לגוש עפר כמוני, גם לא תוסיפו להשתחוות לפני אלילי עץ ואבן כסף וזהב, רק תנו כבוד אלוה לאדון כל הארץ, אשר ברצונו ברא הכל, וידו החזקה הנעלמת מעין בשר היא תמשול תמיד בכל".

המלך הרוה מלא כף נחת מדברי, וכבדני במתנות יקרות, וינשק את פני תרח אבי לעיני, והודה לו על אשר השכיל להחליף אותי בילד אחר ולא נתן אותי לממיתים, גם נתן לי המלך בעצם היום ההוא שנים מעבדיו היקרים, אשר שם האחד עוני, ושם השני אליעזר. וגם שרי המלך הקטנים עם הגדולים, הרבו להביא אלי מתנות יקרות והמון כלי כסף וזהב, ורבים צירו את תמונתי, בתבנית, איש אלהים יושב שלשה ימים ושלשה

---

צו אַ שְׁטִיק עֶרְד וויא אִיךְ בִּין, אויך זָאלְט איהר מֶעהר זִיךְ נִישְׁט בִּיקֶען צו דיא הָאלְצֶענֶע אונ שְׁטֵיינֶערְנֶע זִילְבֶּערְנֶע אונ גָאלְדֶענֶע אָבְּגֶאטטֶער, נור אִיהר זָאלְט גֶעבֶּען אַ גֶעטְלִיכֶע עֶהרֶע צו דֶעם הֶערר פון דיא גַאנְצֶע וֶועלְט, וָואס מִיט זַיין ווילֶען הָאט עֶר אַלֶעם בֶּעשַׁאפֶען, אונ זַיינֶע שְׁטַארְקֶע הַאנְד וָואס זִיא איז פֶערְהוילֶען פון דֶעם מֶענְשְׁלִיכֶען אויג, זִיא רֶעגִיערְט אִימֶמֶער אויף אַלֶעם".

דֶער קֵייזֶער הָאט זִיךְ אָנְגֶעזֶעטֶעט מִיט פִיעל צופְרִידֶענְהַייט אונ הָאט מִיךְ בֶּעעֶהרְט מִיט טְהֵייעֶרֶע פְּרֶעזֶענְטֶער, אונ הָאט פַאר מַיינֶע אויגֶען גֶעקוּשְׁט דָאס גֶעזִיכְט פון מַיין פָאטֶער תֶּרַח, אונ הָאט אִיהם גֶעדַאנְקְט ווייל עֶר הָאט גֶעקְלוּגְט אויסְצוטוישֶׁען מִיךְ מִיט אַ אַנְדֶער קִינְד, אונ הָאט מִיךְ נִישְׁט גֶעגֶעבֶּען צו דיא טֵייטֶערְס. אויךְ הָאט עֶר מִיר דֶעם זֶעלְבֶּען טָאג גֶעגֶעבֶּען צְווייא פון זַיינֶע קְנֶעכְט, אֵיינֶער הֵייסְט "עוני" אונ דֶער צְווייטֶער "אֱלִיעֶזֶר". אויךְ דֶעם קֵייזֶערְס גְרויסֶע אונ קְלֵיינֶע הֶערֶען הָאבֶּען מִיר גֶעבְּרֶענְגְט פִיעל טְהֵייעֶרֶע פְּרֶעזֶענְטֶער אונ פִיעל זִילְבֶּערְנֶע אונ גָאלְדֶענֶע אַנְטִיקֶען, אונ פִיעל הָאבֶּען מַיין גֶעזִיכְט גֶעמָאהלְט אִין

לילות בתוך כבשן האש ויוצא משם בשלום בלי כויה אחת. וביום המחרת שבתי לבית אבי עם שלש מאות איש אשר דבקו בי וסרו למשמעתי, ובהיכל אבי הגדול נאספו יום יום אלפי בני אדם, והוכחתי להם אמונת אלהי השמים ויקרת תפארתו, עדי עזבו את עצביהם וסרו מאליליהם, ויעבדו אתי יחד את אלהי האבות והצדק, אבי היש וההוה".

כל הדברים האלה דבר אברהם באזני משה איש האלהים, וישבע עונג גדול בשמעו אותם יוצאים כפנינים מפי ראש המאמינים, בשבתו על כסא רם ונשא בעדן הנשמות, וכראותו כי

---

א געשטאלט פון א גאטליכען מאן וואס זיצט דריא טאג אונ דרייא נאכט אין דעם פייערדיגען קאלכאויפען אונ ער געהט פון איהם ארויס בשלום אהן איין בראנד, אונ צו מארגענס בין איך צוריק אין מיין פאטערס הויז מיט דרייהונדערט מאן וואס האבען זיך אין מיר בעהעפט אונ זענגען מיר געוועזען געהארכזאם. אונ אין מיינעם פאטערס גרויסען פאלאס האבען זיך טאגליך פערזאממעלט טויזענדער מענשען, אונ איך האב זייא ערקלעהרט דעם גלויבען אין דעם גאט פון דיא הימלען אונ זיין טהייער שוינהייט, ביז זייא האבען פערלאסט זייערע בילדער אונ זענגען אוועק פון זייערע אבגאטטער, אונ האבען מיט מיר צוזאממען געדיענט דעם ריכטיגען אונ וואהרען גאט, דער פאטער פון יעדע זאך וואס געפונט זיך".

דיא אללע ווארטער האט אברהם געשפראכען אין דיא אויערען פון משה דער גאטליכער מאן, אונ ער האט זיך אנגעזעטעט מיט גרויס פערגעניגען הערענדיג וויא זייא געהען ארויס וויא פערלען פון דעם מויל פון דעם עלסטען פון דיא גלויבערס ווען ער איז זיך געזיצען אויף א הויכע בעעהרטע שטוהל אין גן עדן פון דיא נשמות, אונ וויא ער האט געזעהען זיינע לעפצען פון מויל פערשלאססען, האט ער איהם זעהר געבעטען דאס ער

סגר דלתי פיו, הפציר בו עד מאד כי יוסיף לספר לו יתר תולדתו, והוא נאות לבקשתו ויאמר:

„ובהיותי בן שתים וחמשים שנה, שנתים אחר קדשתי את שם אלהים באש הכבשן, נפלה תרדמה עזה על המלך נמרוד בשבתו בהיכלו אשר בבבל הבירה, ויחלום והנה הוא עומד עם חילו הרב והעצום נגד הכבשן ערוכים בכל כלי קרב, ואיש כתמונתי וצלמי יוצא ברעם ורעש מתוך הכבשן, ויתיצב לפני המלך בחרב שלופה, עדי נבעת המקדם מפני פניו, הבוערים כלפידים, וינס חיש מהר על נפשו, ובמרוצתו השליך האיש ההוא ביצה אחת גדולה על ראש המלך ונהפכה בהבקעה לנהר גדול רחב ידים, וכל חילו עם מרכבותיהם וכלי מלחמתם טבעו

---

זָאלל אִיהם וַייטֶער עֶרְצֶעהלֶען זַיינֶע בִּיאָגְרַאפִיֶע, אוּנ עֶר אִיז אַיינְגֶעוִוילִיגְט גֶעוָוארֶען צוּ זַיינֶע בִּיטֶע אוּנ הָאט גֶעזָאגְט:

„אוּנ וִויא אִיךְ בִּין אַלְט גֶעוָוארֶען צְוַייאוּנְפוּפְצִיג יָאהר, צְוַייא יָאהר נָאכְדֶעם וִויא אִיךְ הָאבּ גָאטְס נָאהמֶען גֶעהֵיילִיגְט דוּרךְ דֶעם פַייעֶר פוּן קַאלְכְאוֹיפֶען, אִיז אַ שְׁטַארֶקֶער שְׁלָאף גֶעפַאלֶען אוֹיף דֶעם קֵייזֶער נִמְרוֹד וֶוען עֶר אִיז גֶעזִיטְצֶען אִין זַיין פַאלַאס וָואס אִיז אִין זַיין הוֹיפְּטְשְׁטָאדְט בָּבֶל, אוּנ עֶס הָאט אִיהם גֶעטְרוֹימְט דָאס עֶר שְׁטֶעהט מִיט זַיין פִיעל אוּנ שְׁטַארְק מִילִיטֶער גֶעגֶען דֶעם קַאלְכ אוֹיפֶען גֶעלָאדֶענְט מִיט דֶעם גַאנְצֶען גֶעוֶועהר, אוּנ אֵיין מֶענְשׁ אִין מֵיין גֶעשְׁטַאלְט אוּנ מֵיינֶע פִיזִיגְנָאמִי גֶעהט אַרוֹיס פוּן קַאלְכְאוֹיפֶען מִיט שְׁטַארְם אוּנ רַאשׁוּנְג, אוּנ עֶר הָאט זִיךְ גֶעגֶען קֵייזֶער גֶעשְׁטֶעלְט מִיט אַ אוֹיסְגֶעצוֹיגֶענֶע שְׁוֶוערְד, בִּיז דֶער קֵייזֶער אִיז דֶערְשְׁרָאקֶען גֶעוָוארֶען פַאר זַיין גֶעזִיכְט וָואס הָאט גֶעפְלַאקֶערְט וִויא שְׁטָאלְ־קַאטְצֶען, אוּנ עֶר אִיז זֶעהר שְׁנֶעלל אַטְלָאפֶען מִיט זַיין לֶעבֶען, אוּנ אִין זַיין לוֹיפֶען הָאט דֶער מֶענְשׁ גֶעוָוארְפֶען אַ גְרוֹיס אֵיי אוֹיף דֶעם קֵייזֶערְס קָאפְּף, אוּנ וִויא דָאס אֵיי הָאט זִיךְ צוּשְׁפָּאלְטֶען, אִיז עֶס פֶערְקֶערְט גֶעוָוארֶען צוּ אַגְרוֹיסֶען בְּרֵייטֶען טַייךְ, אוּנ זַיין גַאנְצ

כאבן במימיו העמוקים, ורק המלך עם שלשה אנשיו נמלטו בחפזון נמרץ, ובמנוסתו נתן המלך את עיניו על פני האנשים האלה אשר אתו, וירא והנה המה לבושים כלם מכלול ובגדי מלכות כמהו, וכאשר הביט המלך אחור, ראה והנה הביצה תמימה ושלמה כבראשונה וכל שבר אין בה, ואפרוח קטן יגיח מתוכה, וממהר לעוף ולהתיצב על ראש המלך, וינקר בחרטומו את עיניו ויכהו בעורון.

המלך הקיץ משנתו בחרון אף, ואימתו גדולה עד מאד, ובמצותו הובאו כל חכמיו לפניו, ויספר להם את חלומו בזרם דמעות ועצבון גדול. ויען אחד מחכמיו ואנוקי שמו, ויאמר:

---

מיליטער מיט זייערע רייטוועגען און זייערע קריגספאבען זענען אין זייגע טיפע וואססערען איינגעזונקען געווארען וויא א שטיין, נור דער קייזער מיט זיינע דרייא מענשען זענען זעהר שנעלל אטלאפען געווארען, און אין זיין אטלויפען האט דער קייזער געבליקט מיט זיינע אויגען אויף דעם געזיכט פון דיא מענשען וואס זענען מיט איהם, האט ער געזעהען דאס זייא געהען אללע געקליידעט אין רייכע קייזערליכע קליידער וויא ער, און וויא דער קייזער האט אונטערזיך געקוקט, האט ער געזעהען אז דאס איי איז גאנץ גראדע וויא פריהער, און עס איז נישט אין איהם דעם מינדעסטין בראך, און א קליין פייגעלע קרוכט פון איהר ארויס, און עס היילט זיך צו פליהען און צו שטעללען זיך אויף דעם קייזערס קאפף, און מיט איהר שנאבעל האט זיא אויסגעשטאכען זיינע אויגען און האט איהם בלינד געמאכט.

דער קייזער האט זיך אויפגעכאפט פון זיין שלאף מיט צארן, און זיין שרעק איז זעהר גרויס געוועזען, און מיט זיין בעפעהל זענען אללע זיינע חכמים געברענגט געווארען פאר איהם, און ער האט פאר זייא ערצעהלט זיין חלום מיט א שטראם טרערין און גרויס טרויעריקייט. און איינער פון זיינע חכמים וואס זיין נאהמען

„החלום הנורא הזה יגלה עתידות אברם בן תרח שר צבאך, מלכותך האדירה תפול באחרית הימים ביד יוצאי חלציו, וכל צבאותיך יטבעו בנחלי דם אשר ישפוך באין מציל, ואתה תכרות ברית עם שלשה מלכי ארץ להלחם נגדו ולהחליש גבורתו הנפלאה, ואז יגיח אפרוח אחד מזרעו, וינקר את עיניך, ויחשיך את עולמך עד עולם, והנה זה כחמשים ושתים שנה מעת אשר השכילו חכמיך להזהירך מפני תגרת יד אברם זה בעודנו ילד קטן, אך תרח כחירך מַעַלְבך אז מַעַל גדול אשר לא יכופר לעולם, ועצתי עתה, כי תמהר לבקש תחבולות לספות נפש אברם בעוד יש לאל ידך, ותעזוב את חמלתך היתרה בעת

---

איז „אַנוּקִי" הָאט גֶעעֶנְטפֶערְט אוּנ גֶעזָאגְט: „דֶער שְׁרֶעקְלִיכֶער חָלוֹם וֶועט עֶנְטְדֶעקֶען דִיא צוּקוּנְפְטֶען פוּן אַבְרָם דֶער זוּהְן פוּן דַיין מַארְשַׁאל תֶּרַח, דַיין שְׁטַארְק קֶאנִיגְרַייךְ וֶועט עֶנְדֶע טָאג אַריין פַאלֶען אִין דִיא הֶאנְד פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, אוּנ דַיין גַאנְץ מִילִיטֶער וֶועלֶען אַיינְזִינְקֶען אִין דִיא טַייכֶען בְּלוּט וָואס עֶר וֶועט פֶערְגִיסֶען אָהְן רֶעטטוּנְג, אוּנ דוּא וֶועסְט שְׁלִיסֶען אַ פֶערְבִּינְדוּנְג מִיט דְרַייא קֶאנִיגֶע פוּן דִיא וֶועלְט צוּ שְׁטְרַייטֶען גֶעגֶען אִיהם אוּנ צוּ פֶער־שְׁוַואכֶען זַיין וואוּנְדֶערְלִיכֶען מַאכְט, דַאמָאלְס וֶועט אַרוֹיס קְרִיכֶען אַ קְלֵיין פֵייגֶעלֶע פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, אוּנ עֶר וֶועט אוֹיסְשְׁטֶאכֶען דַיינֶע אוֹיגֶען, אוּנ וֶועט דַיין וֶועלְט פִינְסְטֶער מַאכֶען אוֹיף עֶווִיג, אוּנ עֶס אִיז שׁוֹין צְוֵוייאוּנְפוּנְפְצִיג יָאהר פוּן דִיא צַייט וָואס דַיינֶע קְלוּגֶע הָאבֶען פֶערְשְׁטַאנֶען צוּא וָוארְנֶען דִיךְ פַאר דִיא שְׁרֶעק פוּן דֶעם זֶעלְבֶען אַבְרָם'ס הַאנְד וֶוען עֶר אִיז נָאךְ אַ קְלֵיין קִינְד גֶעוֶועזֶען, נוּר דַיין אוֹיסֶערְוֶוייְלְטֶער תֶּרַח הָאט דַאמָאלְס אִין דִיר גֶעפֶעלְשְׁט אַגְרוֹיס פֶעלְשׁוּנְג וָואס עֶס וֶועט אִימֶער נִישְׁט פֶערְגֶעבֶען וֶוערִין. אוּנ מַיין יֶעצְטִיגֶער רַאטָה אִיז דָאס דוּא זָאלְסְט זִיךְ הַיילֶען צוּא זוּכֶען מִיטְלֶען צוּ טֵייטֶען דֶעם אַבְרָם קוֹים דוּא הָאסְט נָאךְ קְרֶאפְטֶען, אוּנ זָאלְסְט פֶערְלָאסֶען דַיין אִיבְּרִיג מִיטְלֵייד אִין דִיא צַייט וָואס

כזאת, אשר אתה וכל צבאותיך צפוים אלי הרג ואבדון, כי המלך המראה חמלתו בעת אשר נחוץ הוא להראות כעסו, הוא יותר אכזרי לעמו מהמלך אשר יתאכזר בעת אשר נחוץ הוא להראות חמלתו, ואתה מלכי יקירי! תפרוש כנפי חמלתך על אברם זה, אשר נולד על ברכי השטן להכחיד חלילה את שמך ושם מלכותך עם שם אזרחיך מן העולם, רמוס ברגליך ביצת צפעוני בטרם תחסמנה השמש ויצא ממנה שרף מעופף".

כל השרים והעבדים וכל החכמים אשר עמדו אז לפני המלך, ושמעו את הפתרון הנורא והמבהיל הזה, אחזתם רעדה גדולה, וקול בוכים התפרץ מלבם הכואב, עדי נפל המלך ארצה באין אונים ויתעלף, וכאשר הקימוהו הרופאים על רגליו ושב

---

דוא מיט דיין גאנץ מיליטער זענען פארברייט צום טויט אונ פערלירונג, ווייל דער קייזער וואס צייגט זיין ערבארמקייט אין דיא צייט וואס ער ברויכט צייגען זיין צארן, איז מעהר אכזר צו זיין פאלק פון דעם קייזער וואס איז א אכזר אין דיא צייט וואס ער ברויכט צייגען זיין ערבארמקייט. אונ דוא טהייערער קייזער! דוא זאהסט פערשפרייטען דיינע ערבארמדיגע פליגעל אויף דעם אברם, וואס ער איז אויף דעם טייפעלס שויס געבוירען אוים צו מעקען, חלילה דיין נאהמען אונ דעם נאהמען פון דיין קאניגרייך מיט דעם נאהמען פון דיינע בורגערם פון דיא וועלט. טרעט מיט דיינע פים דאס שלאנגען איי איידער דיא זונן טהוט עם אויסבריהען אונ עם געהט פון איהם ארוים א פליהענדער שלאנג".

אללע הערען אונ קנאכט אויך אללע קלוגע וואס זענען דאמאלס געשטאנגען פאר דעם קייזער, אונ האבען געהערט דעם שרעקליכען אונ פארכטליכען פתרון, האט זייא אנגעחאפט אגרוים ציטערנים, אונ פון זייער בעשמערצט הארץ איז ארוים א קלאגענדיגע שטימע, ביז דער קייזער איז אויף דיא ערד געפאללען אהן קראפטין אונ איז פערחלעט געווארען. אונ וויא דיא ארצטע האבען

לאיתנו, צוה את עבדיו לתפוש אותי חי ולהעמידני לפניו למען יראה בעיניו את מיתתי, כי ירא פן יונוהו עבדיו ויחליפוני פעם שנית באיש אחר. אולם אליעזר עבדי הנאמן אשר המלך נתן אותו לי במתנה, הוא שמע אז את המשפט המר אשר חרץ עלי המלך, וימהר להודיעני זאת בטרם באו עבדי המלך לתפשני, וברחתי אני ואליעזר אל בית נח, שמה מצאנו לנו מקום נאמן להסתר מעיני המרגלים אשר חפשו אותי ימים רבים, ותרח אבי בא יום יום אלי בלאט לראות את שלומי, כי מעת ראה בעיניו את הרוח וההצלה אשר העמיד לי אלהי מרום בהיותי ערום בתוך הכבשן הבוער, האמין בכל לבו ונפשו באלהי הצבאות,

---

איהם אויף זיינע פיס געשטעלט אונ איז צוריק צו זיינע קראפטען, האט ער בעפוילען זיינע קנאכט נוא האפען מיך לעבעדיג אונ שטעללען מיך פאר איהם דאס ער זאלל זעהען מיין טויט מיט זיינע אויגען, ווייל ער האט געשראקען דאס זיינע קנאכט זאללען איהם נישט אבנארען אויסצוטוישען מיך דאס צווייטע מאהל מיט א צווייטען מענש, נור מיין עהרליכער קנאכט אליעזר וואס דער קייזער האט איהם מיר אוועק געגעבען אלס פרעזענט, ער האט גראדע דאמאלס געהערט דעם ביטערן פסק וואס דער קייזער האט אויף מיר ארויס געגעבען, אונ ער האט מיר דאס שנעלל בעגאכ־ ריכטעט אידער דעם קייזערס קנאכט זענען געקוממען מיך הערר־ טירען, אונ איך מיט אליעזר זענען אנטלאפען אין נח'ס וואהנונג אריין, דארט האבען מיר געפונען פאר אונז א זיכער ארט צו בעהאלטען זיך פון די געהיים פאליציים אויגען וואס זייא האבען מיך פיעל טאג געזוכט, אונ מיין פאטער תרח איז צו מיר טאג טאגליך געקוממען אין געהיים זעהען מיין בעשטאנד. ווייל פון די צייט וואס ער האט מיט זיינע אויגען געזעהען דעם רעטטונג אונ בעשערמונג וואס דער הויכער גאט האט מיר צו געשטעלט ווען איך בין געוועזען נאקעט אין דעם ברענענדיגען קאלכאויפען, האט ער

והאלילים היו שנואים בעיניו אשר היו מעוננות זמן רב בעֵנני הבל ורעות רוח, ויעצתי לו אז לאמר:

„שמעני אבי וטוב לנו, הלא ידעת כי המלך וכל אנשיו מבקשים להרגני לעיני השמש, למה נתמהמה עוד בארץ הזאת בין פראים אלה, אשר עוד טחו עיניהם מראות גדולת אלהי העולם? תאמין לי כי לרגלי כבודך בבית המלכות תמות בלא עתך, ואחריתך תהיה מרה כלענה, יען שרים רבים ורוזנים עריצים מביטים עליך בעיני נחשים, וקנאתם עליך בוערת בקרבם כאש הכבשן, לכן שמעני נא אבי יקירי, הטה אזניך לעצתי הנכונה, ויחד נמהר ונלך בעוד מועד ארצה כנען, ארץ אשר יד

---

מיט זיין הארץ אונ גייסט געגלייבט אין דעם גאט פון אללע הערר־שאפטען, אונ דיא אבגאטטער זעננען פערפיינה געוועזען אין זיינע אויגען וואס זעננען א לאנגע צייט פערוואלקענט געוועזען מיט דיא נארישע אונ פוסטע וואלקענס, אונ איך האב איהם דאמאלס מיין ראטה געגעבען אונ האב געזאגט:

„הער מיך צו פאטער וועט אונז גוט זיין, דוא ווייסט דאך דאס דער קייזער מיט אללע זיינע מענשען ווילען מיך טייטען געגען דיא זונן, צו וואס זאללען מיר זיך נאך פערזוימען אין דעם לאנד צווישען דיא ווילדע מענשען, וואס זייערע אויגען זעננען נאך פער־שמירט ניכט צוא זעהען דיא גרויסהייט פון דעם גאט פון דיא וועלט? זאלסט מיר גלייבען דאס דורך דיין עהרע אין קייזערליכען הויף וועסט דוא פאר דיין צייט שטארבען, אונ דיין ענדע וועט זיין ביטטער וויא ווערמוט, ווייל פיעל גראפין אונ העלדישע באראנען קוקען אויף דיר מיט שלאנגען אויגען אונ זייער קנאה אויף דיר ברענט אין זייא וויא דער פייער פון קאלכאויפען, דאדורך זאלסט דוא מיך טהייערער פאטער צוא הערין, נייג דיין אויער צו מיין ריכטיגען ראטה, אונ מיר צוזאממען וועללען זיך היילען אונ געהן קוים מיר האבען נאך צייט נאך דעם לאנד כנען, א לאנד וואס

נמרוד החזקה והמגואלה בדם נקי לא תשלוט שמה, ואלהי השמים אשר הצילני מלהבות אש, הוא יסך עלי ועליך באברת חמלתו, וישליך הם על כל שטן לבל יגע בנו לרעה".

עצתי זאת הכתה לאט לאט שורש עמוק בלב אבי, והלכנו יחד ארצה כנען, ואת רעיונינו ומחשבותינו טהרנו מטומאת האלילים, ופנינו מקום לרעיונות קדושים ונעלים, להתבונן בפלאי היצירה ולהתחקות על שרשי עץ הדעת, והקטרתי את כל חלבי ודמי על מזבח אהבתי לאל קונה שמים וארץ, במות שנאתי את הכבוד הכוזב, עד מאד געלה נפשי בתענוגי הבשר, סגולות מלכים ושרים היו כאין ואפס בעיני, וכל מגמתי היה להציל

---

נמרוד'ס שטארקע האנד וואס זיא איז בעשמוצט מיט אונשולדיג בלוט געוועלטיגט נישט דארט, אונ דער גאט פון הימעל וואס האט מיך גערעטעט פון דיא פלאממען פייער, ער וועט אויף מיר אונ אויף דיר שיטצען מיט זיינעם ערבארמדיגען פליגעל, אונ ער וועט ווארפען א שווייגענים אויף יעדען טייפעל דאס ער זאלל אונז גישט אנרירען צום שלעכטען".

דער ראטה האט לאנגזאם אריין געשלאגען א ווארצעל ביי אין מיין פאטערס הארץ, אונ מיר ביידע זענען געגאנגען נאך דעם לאנד כנען, אונ מיר האבען אונזערע געדאנקען גערייניגט פון דיא אבגעטטערס אונווירדיגקייט, אונ מיר האבען געמאכט א ארט פאר הייליגע אונ הויכע געדאנקען, אריין צו קלעהרען אין דיא וואונדער פון דיא נאטור, אונ צו טיפען זיך אויף דיא ווארצלען פון דעם וויססענשאפטליכען בוים, אונ איך האב געאפפערט מיין גאנץ שמאלץ אונ בלוט אויף דעם מזבח פון מיין ליעבשאפט צוא דעם גאט וואס האט געקויפט הימעל אונ ערד, דיא פאלשע עהרע האב איך פיינד געהאט וויא דעם טויט, מיין גייסט האט זעהר פערמאוסט דיא קערפערליכע פערגעניגענס, דיא טהייערקייטען פון דיא מאנארכען אונ גראפין זענען אין מיינע אויגען געוועזען וויא

את העורים מחשכת האלילים, ולהטותם אל האמונה הישרה, אמונת שדי, הרודה בכל היצורים ברב חמלה וחנינה, וממרום ישקיף להחיות גם נפשות התולעים הנרמסים תחת רגלי בני אדם. וגם שרה אשתי הלכה בדרך הישר זה, ושנינו חפשנו ומצאנו תחבולות ועצות שונות, להטות אלפי עובדי אלילים לאמונת אלהים, וגם ראו בעיניהם הרבה פעמים את הישועות הרבות אשר הפליא עשות לנו, עדי שמו כתר מלכות בראשי והקדישו את שמי בכל הארץ, ואני לא נתתי להגאוה הארורה להתגנב באחד מחדרי לבבי, והייתי נכון בכל עת למות על קדושת שם אלהי, והייתי איתן בכל הנסיונות אשר נסה אלהים אותי, עדי

---

גָארְנִישְׁט, אוּנ מַיין גַאנְץ שְׁטְרֶעבֶּען אִיז גֶעוֶועזֶען צוּ רֶעטֶּען דִיא בְּלִינְדֶע פוּן דֶעם פִינְסְטֶערְנִיס פוּן דִיא אָפְּגָאטֶער. אוּנ זַייא צוּא בְּרֶענְגֶען צוּ דֶעם רִיכְטִיגֶען גְלוֹיבֶּען, דָאס גְלוֹיבֶּען פוּן אַלְמֶעכְטִיגֶען גָאט, וָואס רֶעגִיעֶרְט אוֹיף אַלֶע בֶּעשֶׁעפֶּענִיסֶען מִיט פִיעל עֶרְבַּארְמְקַייט אוּנ גְנַאדֶע; אוּנ עֶר קוּקְט פוּן הִימֶעל צוּ עֶרְנֶעהְרֶען אוֹיך דֶעם לֶעבְּהַאפְט פוּן דִיא וֶוארְם וָואס זַייא וֶוערִין צוּ טְרֶעטֶען אוּנְטֶער דִיא מֶענְשֶׁענְס פִיס, אוּנ אוֹיך מַיינֶע פְרוֹיא שָׂרָה אִיז אִין דֶעם רִיכְטִיגֶען וֶועג גֶעגַאנְגֶען, אוּנ מִיר בֵּיידֶע הָאבֶּען גֶעזוּכְט אוֹיך גֶעפוּנֶען מִיטְלֶען אוּנ פֶערְשִׁידֶענֶע עֵצוֹת, צוּ נֵייגֶען טוֹיזֶענְדֶער גֶעטְצֶענְדִינֶערְס צוּם דֶעם גָאטְלִיכֶען גְלוֹיבֶּען, אוּנ זַייא הָאבֶּען אוֹיך פִיעל מָאהל גֶעזֶעהֶען מִיט זַייעֶרֶע אוֹיגֶען דִיא פִיעל הִילְפֶע וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהֶען וואוּנְדֶערְלִיךְ צוּא אוּנְז, בִּיז מֶען הָאט אַ קֵייזֶערְלִיכֶע קְרוֹין אַרוֹיף גֶעלֵייגְט אוֹיף מַיין קָאפְּף. אוּנ זַייא הָאבֶּען מַיין נָאהמֶען פֶערְהֵיילִיגְט אוֹיף דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּנ אִיךְ הָאבּ דֶעם פֶערְפְלוּכְטֶען שְׁטָאלְץ נִישְׁט גֶעלָאסְט עֶר זָאלל זִיךְ פֶערְגַנְבֶענֶען אִין אֵיינֶעם פוּן מַיין הַארְצֶענְס קַאמֶמֶערִין, אוּנ אִיךְ בִּין צוּ יֶעדֶע צַייט פָארְבֵּרֵייט גֶעוֶועזֶען גֶעמֵייט צוּ וֶוערִין פַאר דֶעם הֵיילִיגְקַייט פוּן מַיין גָאטְס נָאהמֶען אוּנ אִיךְ בִּין פֶעסְט גֶעוֶועזֶען בַּייא אַלֶע פְּרוּבֶען וָואס גָאט

בקשתי להקריב לפניו את יצחק בני יחידי לו לעולה, ואחרי מלאתי את משלחתי בארץ, לקחני אלהים לעולם הנשמות זה, להשיב לי את גמולי, ולשלם משכורתי.

ואתה משה בן עמרם, שורק נחמד מצאצאי, קח נא ממני את תודתי על אשר השכלת לעזוב את היכל המלך פרעה, אשר בקש להוריש לך את כסא מלכותו ולתת את כתר ממשלתו על ראשך, ואת חלציך אזרת בעוז וחיל, לכבס נפשות צאצאי מכתמי טומאות מצרים, ולהורישם תורה יקרה ומאד נעלה, אשר היא כנחל נובע חכמה ודעת עליון, תבונה ויראת שדי, לבעבור יעצרו כח ויעלו על ידה מעלה מעלה על סלם העליון, ולהיות

---

האט מיך פרובירט, ביז איך האב פאר איהם געוואלט אפפערן מיין איינציגען זוהן אלס אפפער. און נאכדעם וויא איך האב ערפילט דיא זאך וואס איך בין צו ליעב איהם אויף דיא וועלט געשיקט געווארען, האט מיך גאט גענוממען אויף דיא זעליגע וועלט, צו געבען מיר מיין לוין און בעצאהלען מיין שכר.

און דוא משה עמרם'ס זוהן, גלוסטיגע צווייג פון מיינע קינדער, נעם גוטיגסט פון מיר מיין דאנק ווייל דוא האסט פערשטאנגען צו פערלאססען דעם פאלאס פון דעם קייזער פרעה, וואס ער הט דיר געוואלט מאכען ארבען זיינע קייזערליכע שטוהל און אויף דיין קאפף געבען דיא קרוין פון זיין רעגירונג, און דוא האסט אונטערגעגארטילט דיינע גלידער מיט מוטה און שטארקיים, אום צו וואשען דיא זעלעם פון מיינע קינדער פון דיא עגיפטישע אונ־ווירדיגע פלעקען, און זייא מאכען ארבען א טהייערע און זעהר א געהויבענע תורה, וואס זיא איז וויא א טייך וואס פלוסט קלוגהייט און א גאטליך פערשטאנד, ערפארשטונגען און דיא פארכט פאר דעם אלמעכטיגען גאט, דאס זייא זאללען בעזיטצען קראפטין און זאללען דורך איהר אויפגעהן העכער העכער אויף דיא גאטליכע לייטער, און צו זיין צווישען דיא ווילדע פעלקער וואס דיענען דיא

בין העמים הפראים עובדי האלילים כיונה יפה ונאוה בין עורבים שחורים ואכזרים, ולהוליד על ברכיו נביאים וחוזים צדיקים וישרים, האוחזים בידיהם מפתחות שערי היצירה, חזק ואמץ משה אהובי! כי ה' עמך.

כאשר כלה אברהם לדבר את הדברים האלה, ירד ענן והבדיל בינו ובין משה, והמלאך מהר ואחז בימינו ויביאהו אל היכל אחר, אשר כל לשון וכל שפה תיעף לתאר את יפיו והדרו, וכאשר יגיע המועד ונשמתך דניאל איש חמודות תבא שמה ותראה את יפי ההיכל הזה. אז תודה כי כל היכלי המלכים האדירים וארמנות הנסיכים הם כארות סוסים נגדו. בו יושב יוסף בן יעקב על כסא זהב המשובץ בכל אבני חן, ופניו מאירים

---

אבגאטער, וויא א שיינע הערליכע טויב צווישען שווארצע בייזע קרוהען. אונ געבירען אויף זיינע שויס נביאים אונ גייסטליכע צדיקים אונ פראמע, וואס זייא האלטען אין זייערע האנד דיא שליסלען פון דיא נאטורוואונדערליכע טויערין. שטארק אונ פעסטיג דיך ליעבער משה! דען גאט איז מיט דיר.

וויא אברהם האט געענדיגט צו ריידען זיינע ווארטער, איז ארונטער א וואלקען אונ האט געמאכט א צווישענשייד צווישען איהם אונ צווישען משה'ן, אונ דער מלאך האט זיך געאיילט אונ האט אנגעהאפט זיינע רעכטע האנד אונ האט איהם געבראכט אין א אנדערן פאלאס אריין, וואס יעדע צונג אונ יעדע לעפץ וועט פערמידעט ווערין אבצושילדערן זיין שוינהייט אונ הערליכקייט, אונ ווען עס וועט קוממען דיא צייט אונ דיינע זעעלע, גלוקזעליגער דניאל! וועט אהין קוממען, אונ זיא וועט זעהען דאס שוינהייט פון דעם פאלאס, וועסט דוא דאמאלס מודה זיין דאס אללע פאלאסען פון דיא שטארקסטע קאניגע אונ דיא פאלאסען פון דיא מאנארכען זענגען געגען איהם וויא דיא שטאללען פון דיא פערד. אין איהם זיצט יוסף יעקב'ס זוהן אויף איינע גאלדענע שטוהל בעזעצט מיט

כהילל בן שחר, ומשה השתומם על יפיו עד מאד וישאלהו אם יתן לו רשיון לשאול מפיו שאלות אחדות, ואחרי נתן לו רשיוז, פער משה את פיו ברב כבוד ויאמר:

„מדוע שנאת את אחיך בני אביך הישר באדם, ובקשת תמיד להבאיש את ריחם בעלילות שונות בעיני אביהם?"

ויען יוסף ויאמר: „לא משנאתי אותם ספרתי באזני אבי עלילות אַחי, רק מאהבתי אותם אהבה עזה, אהבה זכה וטהורה, ודמיתי כי אבי הגדול בענקים יהיה רופא נאמן לרפוא את מחלות נפשם, פעמים רבות חפצתי עד מאד לסגור את דלתי פי, מבלי הגד לאבי שמץ דבר מתהלוכותיהם אשר לא ישרו

---

אַלֶע מְהַייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער, אוּנ זַיין גֶעזִיכְט לַייכְט וִויא דֶער לִיכְטִיגֶער מָארְגֶענְשְׁטֶערְן. אוּנ משֶׁה הָאט זִיךְ זֶעהר פֶערְוואוּנְדֶערְט אוֹיף זַיין שׁוֹינְהַייט אוּנ הָאט אִיהם גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶר גִיבְּט אִיהם אַ עֶרְלוֹיבְּנִיס צוּ פְרֶעגֶען אֵייניגֶע פְרַאגֶען פוּן זַיין מוֹיל, אוּנ וִויא עֶר הָאט אִיהם עֶרְלוֹיבְּט, הָאט משֶׁה זַיין מוֹנְד גֶעעֶפִינְט מִיט פִיעל עֶהרֶע אוּנ גֶעזָאגְט:

„פַאר וָואס הָאסְט דוּא פַיינְד גֶעהַאט דַיינֶע בְּרִידֶער דִיא קִינְדֶער פוּן דַיין עֶהרְלִיכֶען פָאטֶער, אוּנ דוּא הָאסְט אִימֶער גֶעזוּכְט צוּ פֶערְנִיכְטֶען זַייעֶר גֶעשְׁמַאק מִיט פֶערְשִׁידֶענֶע בִּלְבּוּלִים אִין זַייעֶר פָאטֶערְס אוֹיגֶען?"

יוֹסֵף הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּנ גֶעזָאגְט: „נִישְׁט פוּן מַיין פַיינְדְשַׁאפְט צוּ זַייא הָאבּ אִיךְ עֶרְצֶעהלְט אִין מַיין פָאטֶערְס אוֹיעֶרִין מַיינֶע בְּרִידֶערְס מַעֲשִׂים, נוּר דוּרְךְ מַיין לִיעבְּשַׁאפְט צוּ זַייא, אַ שְׁטַארְקֶע לִיעבֶּע, אַ רֵיינֶע אוּנ קְלָאהרֶע לִיעבֶּע, אוּנ אִיךְ הָאבּ גֶערֶעכֶענְט דָאס מַיין פָאטֶער וָואס עֶר אִיז גְרוֹיס צְווִישֶׁען דִיא הֶעלְדֶען, עֶר וֶועט זַיין אַ עֶהרְלִיכֶער אַרְצְט צוּ הֵיילֶען דִיא קְרַאנְקְהֵייטֶען פוּן זַייעֶר גֵייסְט. פִיעל מָאהל הָאבּ אִיךְ זֶעהר גֶערְן גֶעוָואלְט פֶערְשְׁלִיסֶען דִיא לֶעפְצֶען פוּן מַיין מוֹיל, דָאס אִיךְ זָאל נִישְׁט זָאגֶען מַיין פָאטֶער דָאס מִינְדֶעסְטֶע וָוארְט פוּן זֵייעֶרֶע גַאנְגֶע וָואס זֶענֶען נִישְׁט גֶעפֶעלֶען אִין מַיינֶע

בעיני. אך כמו יד מן השמים פתחה בחוקה את שפתי, ונאלצתי לגלות אוזן אבי מכל הנעשה עמהם, גם הצליח אבי להרחיקם פעמים רבות מנתיבות עקלקלות, ולהטותם על ידי אל הדרך הישר אשר ראו בו ברכה רבה".

ויוסף משה וישאל: „למה שמת כל מעינך לפאר את גויתך בבגדי חמודות וליפות את פניך ומקלעות שערותיך, הלא בגלל זאת נפלת כמעט קט בתוך הרשת הרעה אשר פזרה אשת פוטיפר לרגליך, והמות עמד נגד פניך להאבידך ולהורידך דומה ברב דופי וכלמה?"

ויען יוסף ויאמר: „מה מאד יגדל הרון אף המלך, אם יראה את תבניתו העומדת בראש הוצות והיא מטונפה ומלוכלכה,

---

אויגֶען, נוּר וִויא אַ הַאנְד פוּן הִימֶעל הָאט מִיט גֶעוַואלְד גֶעעֶפִינְט מַיינֶע לֶעפְּצֶען, אוּנ אִיךְ בִּין גֶעצְוִוינְגֶען גֶעוֶועזֶען צוּ עֶנְטְדֶעקֶען מַיין פָאטֶערְס אוֹיעֶר אַלֶעס וָואס עֶס אִיז מִיט זֵייא גֶעשֶׁעהֶען. אוֹיךְ הָאט מַיין פָאטֶער גֶעגְלִיקְט צוּ פֶערְוַוייטֶערְן זֵייא פִיעל מָאהל פוּן קְרוּמֶען וֶועג, אוּנ נֵייגֶען זֵייא צוּ דֶעם רִיכְטִיגֶען וֶועג וָואס זֵייא הָאבֶּען אִין אִיהם אַ וִויכְטִיגֶע בְּרָכָה גֶעזֶעהֶען".

אוּנ מֹשֶׁה הָאט נָאךְ מֶעהר גֶעפְרֶעגְט: „צוּ וָואס הָאסְט דוּא אַרַיין גֶעטוּהֶען דַיין גַאנְצֶען גֶעדַאנְק צוּ בֶּעשֵׁיינֶען דַיין קֶערְפֶּער מִיט גְלוּסְטִיגֶע קְלֵיידֶער אוּנ צוּא פֶערְפּוּטְצֶען דַיין גֶעזִיכְט אוּנ דַיינֶע גֶעפְלֶאכְטֶענֶע הָאאר, דוּא בִּיסְט דָאךְ בֶּעוַויא גֶעפַאלֶען צוּ לִיעבּ דֶעם אִין דִיא שְׁלֶעכְטֶע נֶעטְץ וָואס פּוֹטִיפַר'ס פְרוֹיא הָאט פַאר דַיינֶע פִים פֶערְשְׁפְּרֵייט, אוּנ דֶער טוֹיט אִיז גֶעשְׁטַאנֶען גֶעגֶען דַיין גֶעזִיכְט צוּ פֶערְלִירֶען דִיךְ אוּנ בְּרֶענְגֶען דִיךְ אִין גְרַאבֶּען מִיט פִיעל שְׁמוּטְץ אוּנ שַׁאנְדֶע?"

אוּנ יוֹסֵף הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּנ גֶעזָאגְט: „וִויא פֶערְגְרֶעסֶערְט וֶועט דֶעם קֵייזֶערְס צָארְן וֶוערִין, וֶוען עֶר וֶועט זֶעהֶען דָאס זַיין בִּילְד וָואס שְׁטֶעהט אוֹיף דִיא הוֹיפְּטְגַאסֶען אִיז בֶּעשְׁמוּצְט אוּנ פֶערְ־

כן מה מאד יקצוף אדון היצירה בראותו כי האנשים הנבראים בצלמו משחיתים הודו במלבושים מגואלים וישחירו יפיו, ובגלל זאת תשמח הנפש בהדרת הגויה ותתעצב אם היא מגואלה, וגם אשת פוטיפר לא נתנה עיניה על בגדי החמודות, כי יתר העבדים אשר סרו למשמעתה היו לבושים הוד והדר כמוני, אך יפי תארי והוד תבניתי הקדיחו אש מתלקחת בקרבה, וגם היא היתה אשה חכמה ומלומדת עד מאד, ובעלה היה נבער מדעת ודע מעללים, לכן בחלה נפשה בו ובתהלוכותיו הרעות, ותבחר בי, ופעם אחת אמרה לי בשבועה, כי ראתה בחכמת מערכת הכוכבים כי תלד בן ממני, וגודל אמונתה במערכת המזלות הוליכתה שולל ותט מן הדרך הישר".

---

אונגעריינגט? אזויא אויך וויא וועט צערנען דער הערר פון דיא באטזר ווען ער וועט זעהען דאס דיא מענשען וואס זייא זעננען בעשאפען געוואָרען אין זיין פארם פערדערבען זיין שוינהייט מיט בעשמוצטע קליידער אונ פערשווארצען זיין הערליכקייט, אונ דורך דעם פרייד זיך דיא זעלע מיט איהר קערפערס שוינהייט אונ זיא טרויערט ווען ער איז בעשמוצט. אונ אויך פוטיפר'ס פרויא האט נישט געגעבען איהרע אויגען אויף מיינע גלוסטיגע קליידער, ווייל דיא אנדערע קנעכט וואס האבען צוא איהר געהערט זעננען געוועזען שיין אונ הערליך געקליידעט וויא איך, נור מיין שיין געשטאלט אונ מיינע הערליבע פיזיגנאמי האבען אין איהר אנגעצינדען א פלאם פייער, אונ זיא איז אויך געוועזען זעהר א קלוגע אונ געלערנטע פרויא, אונ איהר מאן איז געוועזען לעדיר פון בילדונג אונ א שלעכטער סאראקטאר, דאדורך האט איהר גייסט איהם פעראונווירדיגט מיט זיינע פירונגען, אונ זיא האט מיך אויסערוועהלט. אונ זיא האט מיר איינמאהל געזאגט אונ געשוואָרען, דאס זיא האט געזעהען דורך דיא אסטראנאמישע קונסט דאס זיא וועט פון מיר האבען א זוהן, אונ איהר גרויס גלויבען אין דיא קאמעטין האט זיא שלעכט פעך

ויישאלהו משה עוד ויאמר: „מדוע לא נכמרו רחמיך על אביך הזקן אשר כהו עיניו מבכי עליך, ושנים רבות לא הודעת אותו כי הנך בחיים, ויצאת מבית האסורים למלוך, וההצלחה עומדת כסוככת לימינך?"

ויצטרק יוסף בשפתו הנאוה והנעימה כנופת, ויאמר: „אם אמנם כי העצב הוא תמיד כרקב בעצמות המתעצב, ורבים חללים מפיל היגון בכל דור ודור, אולם הכעס הוא חרב יותר מרוטה ויותר חדה ושנונה ממנו. העצב הכה באלפיו והכעס ברבבותיו, לכן יראתי וזחלתי פן בהודע לאבי החלש ורפה אונים הנבלה הגדולה והשערוריה האכזריה אשר זדו אחי לעשות עמדי, וכי דקרו בערמה את כתנתי וטבלוה בדם בהמה, להונות אותו,

---

פיערט, אונ זיא איז אוועק פון ריכטיגען וועג".

אונ משה האט איהם נאך געפרעגט אונ געזאגט: „פאר וואס האט זיך דיין ערבארמקייט נישט דערוואָרעמט אויף דיין אלטען פאטער וואס זיינע אויגען זענען דונקעל געווארען דורך זיין וויינען אויף דיר, אונ דוא האסט איהם פיעל יאהרען נישט בענאכריכטעט דאס דוא לעבסט, אונ דוא ביסט ארויס פון קערקער קיניגען, אונ דאס גליק שטעהט וויא א קעבספרויא צו דיינע רעכטע האנד?"

אונ יוסף האט זיך פערטיידיגט מיט זיין צונג דיא שיינע אונ זיסע וויא האניג, אונ האט געזאגט: „אויבוואהל דאס טרויעריקייט איז אימער וויא א ווארם אין דעם טרויעריגענס ביינער, אונ פיעל דערשלאגענע מאכט דער טרויער פאללען אין יעדען דור, אבער דער צארן איז נאך מעהר א שארפע אונ געשליפענע שווערד פאר איהם, דער טרויער האט געשלאגען אין דיא טויזענדער אונ דער צארן אין דיא צעהנטויזענדער, דאדורך האב איך געצאנגסט אונ געשראקען פיליכט ווען מיין שוואכער אונ ליידענטער פאטער וועט געוואהר ווערין פון דיא גרויסע שאנדע אונ דער בייזער פערברעך וואס מיינע ברידער האבען מיט מיר פלייסיג געטוהען. דאס זיא האבען מיט

כי חיה שובבה אכלתני, אז התעורר בקרבו כעס נמרץ וחמה עזה גדולה ונוראה עליהם והיא שמה קץ לחייו, פעמים רבות נדדה שנתי מעיני, ועל משכבי בלילות חפשתי ובקשתי מאין הפוגות עצות ותחבולות שונות, להאיר עיני אבי בבשורה יקרה משיבת נפש, כי עודני חי, וכי מלכות מצרים מסורה בידי. פעם אחת לא יכולתי להתאפק, וערכתי עד מהרה אגרת לאבי, אך מה יכולתי עשות כי כמו יד נעלמה הציתה אש ותשרוף את האגרת לאפר, אז האמנתי כי רצון שדי הוא, להעלים זאת מאבי מסוד הכמוס עמדו. בכל יום ויום הודיעוני פקידי משלומו וממעמדו; פעמים בשבוע פזר פקידי שקלי כסף וזהב בסתר בתוך

---

פַאלְשְׁקֵייט מַיין הֶעמְד צוּ שְׁטָאכֶען אוּנ הָאבֶּען עֶם אַיינְגֶעטוּנְקֶען אִין בְּהֵמָה'ש בְּלוּט, אָבּ צוּ נַארֶען אִיהם דָאס אַ ווִילְדֶע טְהִיער הָאט מִיךְ אוֹיפְגֶעפְרֶעסֶען, דַאמָאלְם וָואלְט זִיךְ אִין אִיהם דֶערְוֶועקְט אַ אוּמְנַאטִירְלִיכֶער צָארְן אוּנ אַגְרוֹיסֶער שְׁרֶעקְלִיכֶער כַּעַס אוֹיף זֵייא, וָואס דָאס וָואלְט מִיט זַיין לֶעבֶּען אַ עֶנְדֶע גֶעמַאכְט. פִיעל מָאהל אִיז מַיין שְׁלָאף אַוֶועק פוּן מַיינֶע אוֹיגֶען, אוּנ בַּייא נַאכְט אוֹיף מַיין גֶעלֶעגֶער הָאבּ אִיךְ גֶעזוּכְט אוּנ גֶעגְרָאבֶּען אָהן אוֹיפְהֶער עֵצוֹת אוּנ פֶערְשִׁידֶענֶע מִיטְלֶען צוּ בֶּעלַייכְטֶען מַיין פָאטֶערְס אוֹיגֶען מִיט אַ טְהַייֶערֶע בְּשׂוֹרָה וָואס וֶועט זַיין גֵייסְט דֶערְקְוִויקֶען, דָאס אִיךְ לֶעבּ נָאךְ, אוּנ דָאס עֶגִיפְּטִישֶׁע קֶאנִיגְרַייךְ אִיז אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען אִין מַיינֶע הַאנְד, אִיךְ הָאבּ מִיךְ אֵיינְמָאהל נִישְׁט גֶעקָאנְט אַיינְהַאלְטֶען, אוּנ הָאבּ שְׁנֶעלל פָארְבְּרֵייט אַ בְּרִיעף צוּ מַיין פָאטֶער, נוּר וָואס הָאבּ אִיךְ דֶען גֶעקָאנְט מַאכֶען וֶוען אַזוֹיא וִויא אַ פֶערְהוֹילְטֶע הַאנְד הָאט אָנְגֶעצִינְדֶען אַ פַייֶער אוּנ הָאט דֶעם בְּרִיעף פֶערְבְּרֶענְט וִויא אַשׁ, דַאמָאלְם הָאבּ אִיךְ גֶעגְלַייבְּט דָאס דֶער ווִילְלֶען פוּן אַלְמֶעכְטִיגֶען גָאט אִיז, צוּ פֶערְהוֹילֶען דַאס פוּן מַיין פָאטֶער, דוּרְךְ דִיא אוּרְזַאכֶע וָואס אִיז בַּייא אִיהם פֶערְשְׁלָאסֶען. יֶעדֶען טָאג הָאבֶּען מַיינֶע בֶּעאַמְטֶע מִיר בֶּענַאכְרִיכְט פוּן זַיין פְרִידֶענְהֵייט אוּנ זַיין בֶּעשְׁטַאנְד. צְוֵויא מָאהל וָואכֶענְטְלִיךְ

החור אשר בדלת ביתו, ולא ידע מי הוא המפזר. פעם אחת שלחתי צַיָר מהולל ויצייר מרחוק את תמונת אבי, להרגיע בה את רוחי הסוער בקרבי וכוסף לראותו. ואחרי כל זאת לא ידעתי מנוחה, וקמתי בחצי הלילה ממשכבי לערוך אליו אגרת אחרת, ואז נראתה אלי תמונת רחל אמי, ותאמר: „אנכי שלוחה אליך ממרום בני מחמדי! להזהירך ולהודיעך, כי רצון אל אמת הוא לכסות הדבר ולהעלימו, עדי יגלה לך על ידי מלאכו לשמח את בעלי בבשורה זו". ובשמעי זאת אחזתני פלצות ומאד יראתי לעבור את מצות אלהי".

המלאך אחז בזרועות משה ונשא אותו אל גן אחד אשר

---

האט מיין עלטסטער געשיט ווילבערגעלד דורך דעם לאך וואס איז אין דיא טיער פון זיין שטוב, אונ ער האט נישט געוואוסט ווער איז דער שיטטער. איינמאהל האב איך א בערוהמטען מאהלער געשיקט אונ פון ווייטענס האט ער געמאהלט מיין פאטערס בילד צוא בערוהיגען מיט איהם מיין גייסט וואס האט געשטארמט אין מיר אונ געגלוסט צו זעהען איהם. אונ נאכדעם אללעם האב איך פון קיינע רוהע געוואוסט, אונ בין האלבע נאכט אויפגעשטאנען פון מיין געלעגער צו שרייבען א צווייטען בריעף צו מיין פאטער, אונ דאמאלס האט זיך צו מיר בעוויזען מיינע מוטער רחל'ס געשטאלט, אונ זיא האט געזאגט: „איך בין צו דיר גלוסטיגער זוהן געשיקט געווארען צו ווארנען דיך אונ געבען דיר צו וויסען, דאס דער פערלאנג פון דעם וואהרען גאט איז צו פערהוילען דיא זאך אונ צו פערבארגען זיא, ביז ער וועט דיר ענטדעקין דורך זיין מלאך דאס דוא זאלסט מיין מאן דערפרייען מיט דיא בשורה". אונ וויא איך האב דאס געהערט האט מיך אנגעהאפט א ציטערניס אונ האב זעהר געשראקען אבצוטרעטין פון מיין גאטס פערלאנג".

דער מלאך האט אנגענוממען משה'ס ארעמעם אונ האט איהם געטראגען אין א גארטען וואס אויף דיא קערפערליכע וועלט גיבט

אין על עולם־הגויות משלו, ריח הכרמל והשרון הוא כאין נגד ריחו הנעים, וכל פה ייעף ולא יעצור כח לתאר הדרו ויפיו, ועל כסא זהב משובץ כלו באבני ספיר וברקת הרבה אין מספר, יושב עמרם אבי משה וקרני אור נוצצות מפניו הנאוים. משה השתחוה ויקוד לפניו בכבוד גדול, ואחרי כן פער עמרם את פיו ויאמר: „ידעתי בני מחמדי ידעתי כי באת הנה לקחת התורה בעד אחיך הנבערים מדעת קדושים, אשר היו רתומים כסוסים ברכבי פרעה, ואלמדך מעט בינה במה תצליח את דרכיך ותאשר דרכי עמך.

דע כי החכמה הטהורה היא עצם החמלה, ועצם החמלה הוא עצם אלוה, ולכן כל חכם ונבון אשר נמצא בקרבו שמץ

---

גישט זיין גלייכען, דער געשמאק פון דעם כרמל אונ שרון איז וויא גארנישט געגען זיין זיסען געשמאק, אונ יעדעם מויל וועט פערמידעט ווערין אונ עס וועט נישט האבען קראפטין אב צו שילדערן זיין הערליכקייט אונ זיין שוינהייט. אונ אויף א גאלדענע שטוהל בעזעצט מיט רובינען אונ סאפירען אהן א צאהל, זיצט זיך משה'ס פאטער עמרם, אונ ליכטיגע שטראהלען בלאשטשען פון זיין הערליך געזיכט. משה האט זיך פאר איהם געבוקט אונ געקניעט מיט גרויס עהרע, אונ נאכדעם האט עמרם זיין מויל געעפינט אונ געזאגט: „איך ווייס מיין גלוסטיגער זוהן איך ווייס דאס דוא ביסט דא אהער געקומען געממען דיא תורה פאר דיינע ברידער וואס זענען לעהר פון דיא היילינגעם פערשטאנד, וואס זייא זענען געשפאנט געוועזען אין פרעה'ס רייטוועגען, אונ איך וועל דיך לערנען א ביסעל פערשטאנד מיט וואס דוא וועסט בעגליקקען דיינע וועגען אונ דוא וועסט גליקליך מאכען דיא וועגען פון דיין פאלק.

דוא זאלסט וויסען דאס דיא ריינע חכמה איז דאס ערבארמקייט אליין, אונ דאס ערבארמקייט אליין איז דאס גאטהייט אליין. דאדורך יעדער חכם אונ פערשטאנדליכער מאן וואס עס געפונט זיך אין איהם א ביסעל צארן אונ בייזהייט, איז א ריכטיגער

כעס וחמה, הוא אות נאמן כי חכמתו איננה עוד מזוקקה וצרופה מכל סיגי הבערות ובדילי הסכלות, והחכם אשר הכעס הוא רחוק ממנו ואליו לא יגיע, הוא חכם אמת אשר רוח אלוה נכון לפעמו, ועיניו טהורות ובלתי מעוננות, ויש בו יכולת לראות עתידות ולדעת נעלמות. ולכן שמעני בני מחמדי והטה אזניך להפצרת אביך המשתוקק לראות הצלחתך, אם תראה בעיניך אנשים רעים וחטאים הממרים את פיך ואת ערפם יקשיחו נגדך, תדע להביט עליהם בעיני חמלה וחנינה, כאשר יביט הרופא הישר על החולה במחלת הגו ומבקש רפאות ומזור למענו. כי הכועס והמתאכזר על הרשעים והחטאים ומתמלא עליהם זעם ועברה, הוא כרופא

---

צייגען דאס זיינע חכמה איז נאך נישט אויסגעלייטערט און אויס־געריינינגט פון אללע אונריינקייטען פון דומהייט און נארישען שמוטץ. און דער חכם וואס דער כעס איז פון איהם ווייט און ער קומט נישט צו איהם, דער איז ווירקליך א ריכטיגער חכם וואס דער געטליכער גייסט איז פארברייט צו קלאפען אין איהם, און זיינע אויגען זענען ריין און נישט פערדונקעלט, און ער פערמוגט קראפטין צוא זעהען וואס עס וועט קוממען, און צוא וויססען פערבארגענע זאכען. דאדורך הארך מיר צו גלוסטיגער זוהן און נייג דיין אויער צו דעם געבעט פון דיין פאטער וואס גלוסט צו זעהען דיין גליק. ווען דוא וועסט זעהען מיט דיינע אויגען שלעכטע און זינדיגע מענשען וואס זענען נישט געהארכזאם צו דיר און מאכען הארט זייער נאקען געגען דיר, זאלסט דוא פער־שטעהן צו קוקען אויף זייא מיט ערבארמדיגע און לייטזעליגע אויגען, גלייך וויא דער עהרליכער דאקטאר קוקט אויף דעם וואס איז קראנק אויף א קערפערליכע קראנקהייט און זוכט פאר איהם א היילונג און א מעדיצין. ווייל דער וואס צערנט און איז א אכזר אויף רשעים און זינדיגע און ער ווערט אויף זייא פוהל מיט צארן און בייזהייט, דער איז וויא א גאטצין־ארצט וואס

אליל הכועס על החולה העוזב מעדני מלך ואוכל לחם יבש ופת מגואל ומלוכלך ברפש וטיט, יען קבתו נשחתה ואבדה הכשרון הראוי, כן נפש החטאים נשחתה ובעיניה המעוננות בעונני התאוה הרעות, היא רואה את החוחים כשושנים והפרחים כקמשונים, הסלונים והקוצים כהדסים והחבצלות כמו ברקנים; ואם תשמע לעצתי זאת אז תמצא חן גדול בעיני אחיך, וכצאן אחר רועה נאמן ילכו בעקבותיך, וחיתה נפשי פה בגללך"

עמרם כלה דבריו אלה אשר הכו שורש בלב משה בנו. ויען כי פקידי המלך הולכים אליך דניאל יקירי נאלץ אנכי לעזבך, ולא אוכל לספר לך עתה את הכבוד אשר עשו הצדיקים

---

צערנט אויף דעם קראנקען וואס ער פערלאסט קייזערליכע שפייזעס און עסט ליעבער טרוקען ברויט און אזויא א עסען וואס עס איז בעשמוצט און פעראונריינגט מיט מיסט און ליים, ווייל זיין מאגען איז פערדארבען און האט פערלוירען זיין ריכטיג פעהיגקייט. אזויא אויך דיא זעעלע פון דיא רשעים איז פערדארבען, און מיט איהרע אויגען וואס זייא זעהנען פער־וואלקענט מיט דיא וואלקענעס פון דיא שלעכטע תאוות, זעהט זיא דיא דערנער וויא רויזען און דיא בלוהמען וויא דערנער, דיא געמיינע שפראצונגען וויא רויזען און דיא רויזען וויא געמיינע שפראצונגען. און ווען דוא וועסט הארכען מיין ראטה וועסט דוא דאמאלס געפונען אגרויסען חן אין דיינע ברידערס אויגען און זייא וועלען געהן אויף דיינע טריט וויא דיא שאף נאך א עהרליכען פאסטוך, און מיינע זעעלע וועט דא לעבען צוא ליעב דיר".

עמרם האט געשלאסען זיינע ווארטער וואס האבען געשלאגען א ווארצעל אין זיין זוהן משה'ס הארץ. און ווייל דעם קייזערס פאליצייא געהען צו דיר דניאל גלויבטיגער מאן, בין איך געצוואונגען צוא פערלאסען דיך, און איך קאן דיר

האחרים למשה בעולם הנשמות, ואת הענינים הגדולים אשר נדברו בינם ובינו, חיה בשלום איש חמודות, אל תירא מאומה, כי שדי ישקיף ממרום וישמרך מכל רע, דניאל חיה בטוב! כי הפקידים באים".

# תם

יֶעצְט נִישְׁט עֶרְצֶעהלֶען דִיא עֶהרֶע וָואס דִיא אִיבְּרִיגֶע צַדִיקִים הָאבֶּען משֶׁה'ן גֶעגֶעבֶּען אוֹיף דִיא גֵייסְטְלִיכֶע וֶועלְט, אוּנ דִיא גְרוֹיסֶע זַאכֶען וָואס זֶענֶען גֶעשְׁפְּרָאכֶען גֶעוָוארֶען צְוִוישֶׁען זֵייא אוּנ אִיהם. לֶעבּ מִיט שָׁלוֹם גְלִיקְזֶעלִיגֶער מַאן, זָאלְסְט גָארְנִישְׁט שְׁרֶעקְקִין, וַוייל דֶער אַלְמֶעכְטִיגֶער גָאט קוּקְט פוּן הִימֶעל אוּנ וֶועט דִיךְ אָבְּהִיטֶען פוּן אַלֶעם בֵּייז. דָנִיֵאל לֶעבּ וָואהל! דֶען דִיא פָּאלִיצַייא קוּמְט שׁוֹין אָן".

# ענדא

**בטח בד' ועשה טוב שכן ארץ ורעה אמונה**
תהלים לז פסוק ג

**רש"י בטח בד', ואל תאמר אם לא אגזול ואגנוב או אתן לעני צדקה, במה אתפרנס: ועשה טוב, ואז תשכון ארץ לאורך ימים: ורעה אמונה, תאכל ותתפרנס משכר האמונה שהאמנת בהקב"ה לסמוך עליו ולעשות טוב.**

**חובת הלבבות, שער הבטחון פרק ג':**

**וכן כשירגיש האדם שלא יועילנו ולא יזיקנו אחד מהנבראים אלא ברשות הבורא יתברך, ישוב לבו מיראתם ותקותם ויבטח על הבורא לבדו, כמו שכתוב (תהלים קמ"ז) אל תבטחו בנדיבים בבן אדם שאין לו תשועה.**

## "ארבעה כללים"

א'. כלל זה יהיה בידיך, אם תרצה לגנות שום אדם, תגנה את עצמך במדותיך הרעות.

ב'. ואם תרצה לעשות מחלוקת עם שום אדם תעשה מחלוקת עם יצר הרע שלך המתגבר עליך בכל יום בפתויו הרעים.

ג'. ואם תרצה לכעוס על שום אדם, תתיישב לכעוס על נפש הבהמיות שלך שנאמר עליה וכל יצר מחשבות לבו רק רע כל היום.

ד'. ואם תרצה לשבח שום אדם, תשבח את הבורא ברוך הוא, מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, אשר מחיה אותך, ומטיב עמך בכל עת ורגע, ואם תזכור לקיים ד' דברים אלו, תהיה נשמר משום חטא ועון.

(סידור ישועות ישראל דף ק"א עמוד ב)